בעזרת השם יתברך

גליון

# באור החיים

**פרשת נח תשפ"ז**
גליון תתק"א

יוצא לאור ע"י

**איחוד**
חסידי
**טאהש**

הגליון נתנדב

ע"י הרה"ח ר' **יחזקאל ווייס** הי"ו (מאנטריאל)
חתן הרבני החסיד ר' **נתן פייטל פאשקעס** שליט"א
לרגל שמחת **נישואי בתו למזל טוב** ובשעטו"מ

**פרנס פעולות האיחוד**
לחודש חשון

**משפחת וויינבערגער שיחי'**
לע"נ חותנם הרבני החסיד ר' **צבי ארי' ב"ר ישראל** ז"ל
יארצייט ביום **ט"ז חשון** הבעל"ט

נא שלא לקרותו בשעת התפלה וקריאת התורה

קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH 514.500.TOSH

718.451.8674 - 514.500.8674
0.333.015.0715 - 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות | מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים | מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

## פרנס השיעורי תורה

על 'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

לע"נ האשה החשובה מרת **חי'** **פעסיל** בת ר' **חיים** ע"ה **קרויס**

**יארצייט ו' חשון הבעל"ט**

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

יוצא לאור ע"י
איחוד חסידי טאהש

P: 718.451.8674 #80 F: 845.610.8674
11 VAN BUREN DR. #205 MONROE N.Y. 10950

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו
גליון באור החיים | להתאחד בחורי טאהש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד | ולויים בדוכנם

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**

# לוח הלימודים


מזון הנפש

בעזהשי"ת

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת לך לך =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק נח | דף נה. | דף נא: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף נה: | דף נב. | דף נה: | דף נב. |
| מאנטאג | דף נו. | דף נב: | דף נו. | דף נב: |
| דינסטאג | דף נו: | דף נג. | דף נו: | דף נג. |
| מיטוואך | דף נז. | דף נג: | דף נז. | דף נג: |
| דאנערשטאג | דף נז: | דף נד. | דף נז: | דף נד. |
| עש"ק | דף נח. | דף נד: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' תולדות
חבורת ז' עמודים - מח: - סב.
חבורת ה' עמודים - נא. - ס.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו




## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ז' חשון | הרה"ק רבי יודא צבי בן רבי משה זי"ע - מראזלא - דעת קדושים | תר"ח |
| י"א חשון | הרה"ק רבי מנחם נחום בן רבי צבי הירש זי"ע - מאור עינים | תקנ"ח |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ו' חשון | האשה החשובה מרת חי' פעסיל בת ר' חיים ע"ה קרויס<br>אשת הרה"ח ר' אשר ענזיל ע"ה | תשפ"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ח' חשון | האשה החשובה מרת שרה פרומט בת ר' יעקב שלמה ע"ה ניימאן<br>אשת הרה"ח ר' שלום עזריאל ע"ה | תש"ע | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט' חשון | הרב החסיד ר' נפתלי צבי בן ר' יחזקאל שרגא הכהן ע"ה לאנדאוי | תשל"א | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| י' חשון | הרב החסיד ר' יוסף בן ר' שמואל דוד ע"ה סאקס | תשע"א | ביה"ח בקרית יואל |
| י' חשון | הרב החסיד ר' יואל בן ר' משה אורי ע"ה בלויא | תשפ"ה | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ב חשון | הרב החסיד ר' ישעי' בן ר' יקותיאל יודא ע"ה פאוועל<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשע"ה | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ב חשון | הרב החסיד ר' אברהם צבי בן ר' חנוך שלום הלוי ע"ה גליק | תשפ"ג | ביה"ח וויזניץ מאנסי |

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

# באור פני מלך

פניני עבודת עבודה על פרשת השבוע

המדור נתנדב ע"י מוה"ר **חיים יואל פריעדמאן** הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת **נישואי בנו החתן נטע מנחם ני"ו** למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## שבת קודש הוא זמן לדבק להשי"ת

### נח איש צדיק תמים היה בדורותיו.

איתא בתיקו"ז, "נח בא שבת דביה ניחא דכולא", אפשר לרמז בזה, דאפילו יש לאדם בימי השבוע דברים שמטרידות אותו, ויש לו כמה מניעות שאינו יכול לעבוד את השי"ת כראוי, לזה נתן הקב"ה את השבת קודש לדבקו ולעובדו, כי שבת קודש הוא גאולת הנפש, גאולה בתוך הגלות, כמו כשבני ישראל היו במצרים ולא היו להם פנאי לעבוד את השי"ת היה משה פעל להם שיהיה יום השבת זמן לנוח מן העבודה, כן בכל דור ודור השבת הוא מיוחד לנוח מן העבודה הגשמיות ולהידבק ברוחניות.

וזהו רמז לנו הפסוק, "נח" זהו יום השבת, "איש צדיק", דביום השבת יכול האדם להיות צדיק, אע"פ שהיה טרוד בששת ימי המעשה בפרנסה ובדברים אחרים, וג"כ רמז לנו הפסוק דע"י השבת קודש יכול להשריש בלבו קרבות לה' כדי לעבוד אותו בכל ימי השבוע, וזהו "נח" - ע"י השבת קודש, "איש צדיק" יכול להיות מכאן ולהבא איש צדיק.

(עבו"ע שפת"ק נח)

## כשאדם עובר עבירה הוא גוזל תענוג מן הנשמה

### ויאמר אלקים לנח קץ כל בשר בא לפני כי מלאה הארץ חמס.

פרש"י הק' כל מקום שאתה מוצא זנות ועבודה זרה אנדרלמוסיא באה לעולם והורגת טובים ורעים, ואח"כ על כי מלאה הארץ חמס פרש"י הק' לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל.

ודקדקו המפרשים דברי רש"י הק' הנראים כסותרים, דמתחלה אמר שהמבול בא מפני זנות ועבודה זרה, ואח"כ אמר הגזל.

וביארו בספרים הק' הענין בזה, על פי מה שאנו אומרים בכל יום בברכת השחר, אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא אתה בראתה אתה יצרתה אתה נפחתה בי ואתה משמרה בקרבי וכו', שיש להתבונן הרבה בדיבורים אלו, היאך הקב"ה ברוב חסדו וטובו, התחסד עם האדם, שהוריד נשמה קדושה, חלק אלוקי ממעל לתוך גוף חומרי, כדי לזכותו בקיום התורה והמצות בעולם הזה, אשר מתוך כך יזכה להנות מזיו השכינה לעולם הבא, ואחר שהקב"ה עושה עמו חסדים רבים כאלה, האיך אפשר כי כאשר האדם נולד ילך אחר שרירות לבו, למלאות תאוות גופו, הרי מצער בזה את הנשמה להיות עבד לתאוות גופו, והיאך אפשר לאדם להיות כפוי טובה כל כך, לכפור ברוב הטובה שעשה עמו הקב"ה הרי גוזל בזה את הקב"ה, וגוזל מן הנשמה את התענוג אשר ברצונו להשיג.

ואחר התבוננות זו, יבין האדם, כי בכל חטא אשר הוא חוטא נכלל בו גם איסור גזל שגוזל את הקב"ה ואת הנשמה, ואין לך גזלן וחמסן גדול יותר מזה, וחלק הגזל שבחטא נעשה לפעמים חרון אף, יותר מן עצם החטא.

לזה אמר רש"י, דלא נחתם גזר דינם אלא על הגזל, דהצער השכינה מן החטא זנות ועבודה זרה על זה נחתם גזר דינם, אע"פ שעל העצם החטא אינו בא עונש גדול כזה.

(עבו"ע פתג"ק נח)

## שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

ותגל נפשנו בישועתך, אונז זאלן זיך פרייען מיט די הייליגע תורה וואס ווערט אנגערופן שעשועים, און דעמאלטס וועט מען שוין ממילא געהאלפן ווערן מיט אלע מיני ישועות.

(שיח"ק ח"ב תכ"ז)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור נתנדב ע"י מו"ה **משה מנחם יאזשעף** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת **הולדת בנו** למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דורך שב"ק קען א איד צוקומען צום אייבערשטן און דאס ממשיך זיין אויף א גאנצע וואך

**נח איש צדיק תמים היה בדורותיו.**

אין תיקו"ז הק' שטייט, אז נח איז מרמז אויפ'ן שבת, נח דא שבת דבי' נייחא דכולא, לויט דעם קען זיין דער רמז אין פסוק אזוי, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, יעדע מדריגה ווערט אנגערופן א דור, ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט, תמים היה, נח איז געווען גאנץ, ער איז צוגעקומען צו שלימות, דורותיו, ווייל ער איז געגאנגען ממדרגה למדרגה.

קען זיין דעם רמז לגבי שבת, אז אינעם שבת איז דא פארשידענע מדריגות, פארשידענע בחינות, ס'איז דא די עבודה פון די תפילות פון שבת, וואס מען קען דורכדעם זיך מדבק זיין צום אייבערשטן, נאכדעם איז דא די עבודה פון די סעודות שבת, דאס איז אן עקסטערע כח און א עקסטערע מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, די אבות קומען צו די סעודות, נאכדעם איז דא דער כח פון מתן תורה פונעם שבת, שבת האט א כח פון מתן תורה, לכולי עלמא בשבת ניתנה תורה (שבת פ"ו ב'), וביום השבת קודש שישו ושמחו כמקבלי מתן נחליאל, מיט די אלע בחינות קען זיך א מענטש אנקניפן צום אייבערשטן, יעדע חלק פונעם שבת, האט אן עקסטערע כח צו ברענגן א גאולה פאר'ן מענטש, דאס טייטש תמים היה בדורותיו דורך אלע מדריגות, אלע בחינות פונעם שבת, קען א מענטש צוקומען צו זיין א תמים, א שלם, צו זיין נאנט צום אייבערשטן, ס'זאל זיין תמים תהיה עם ה' אלקיך.

זאגט דער פסוק נאכדעם, את האלקים התהלך נח, "אלקים" איז בגמטריא 'הטבע', אין די זעקס טעג האט דער אייבערשטער באשאפן די סדר הטבע, און שבת האט ער גערוהט, כי בו שבת מכל מלאכתו, ווייל שבת איז העכער די סדר הטבע, אלע בריאים גייען צוריק צום שורש, זאגט דער פסוק "את האלקים התהלך נח", את קען טייטשן פון, ווי רש"י הק' זאגט די וואך את הארץ כמו מן הארץ, את העיר כמו מן העיר, זאגט דער פסוק, "את האלקים התהלך נח", דער נח, דער שבת גייט אוועק פון די טבע, שבת גייען אלע ברואים ארויס פון די סדר הטבע, ממילא קען א איד דעמאלטס נתקרב ווערן, אפילו אינעם סדר הטבע משך די וואך האט ער פארשידענע מניעות, ער איז נאך זייער ווייט, אבער שבת גייט ער ארויס פון אלעם, און דורכדעם קען ער שוין דערלייכטן די טבע אויך, קען ער שוין אריינלייכטן אין די ששת ימי המעשה אויך.

(עבו"ע שפת"ק)

המשך מעמוד ח'

אידן זענען געקומען בעטן וואס זיי דארפן, מען האט אנגעגרייט פעקלעך, און דורך די תפילות יעדן טאג, קומט אראפ פון דעם, זאל מען זעהן עס זאל נישט פארפאלן ווערן, מען זאל עס נישט אוועקלאזן.

אונז שטייען יעצט אין חודש מרחשון, מרחשון טייטשט דער קאזניצער מגיד זצ"ל, אז עס איז א לשון פון מרחשין, רעדן, ווייל אין הימל רעדט מען יעצט דורך די חודש תשרי, וואס מען האט געטון אין דעם חודש, וואס מען האט געבעטן, זאגט אויף דעם רביה"ק זי"ע אמת אין הימל רעדט מען דורך אונזערע תפילות און בקשות, אבער כדי עס זאל אנקומען צו אונז דארפן אונז בעטן דעם אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר עס באקומען,

## ברכת הקודש

זאל דער אייבערשטער העלפן אידישע קינדער זעלן טאקע וויסן נאר פון גוטס, און האבן גע'פועל'ט א לעכטיגע יאר, א זיסע יאר, פאר זיך און פאר די קינדער, השפעות טובות ברוחניות, ובגשמיות, און סייעתא דשמיא אויף אלעס וואס מען טוט, דער צדיק פון אויבן קוקט אראפ אויף אונז, ער בעהט זיך ביים אייבערשטן מען זאל אונז אריינשיינען, אונז זענען דא אין א שטעטל על קברו, א שטאט וואס דער צדיק איז משפיע, ער קוקט אראפ, ער זאל אונז ווייטער היטן, ער זאל פועל'ן אין הימל אונז זאלן שוין אויפגעראכטן ווערן, עס שטייט (תהלים ק' כ"ט) ה' למבול ישוב, איז טייטש נאך דער מבול, וואס דער אייבערשטער האט אוועקגעשיקט און אוועקגעווארפן אלע זינדיגע און אלע שלעכטס, האט זיך דער אייבערשטער כביכול אראפגעזעצט, און געוויזן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און אז ער איז דער באשעפער, דער זעלבע בעהט מען אויך, וישב ה' מלך לעולם, די אלע רשעים און שונאים זאל מען אוועק נעמען פון אונז, און עס זאל זיין וישב ה' מלך לעולם דער אייבערשטער זאל זיך אראפזעצן און ווייזן אז ער איז דער קעניג אויף די וועלט, און אויף אלעמאל, וה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

# ניצוצי קודש

תוכן דברות קודש ששמענו מאת
כ"ק מרן רבינו שליט"א

המדור נתנדב ע"י מוה"ר **מרדכי ארי' שפיטצער** הי"ו (וומסבב"ג)
לרגל שמחת **אירוסי בתו** למזל טוב - ולע"נ אביו הרה"ח ר' **אלי' ב"ר מאיר משה ע"ה**
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

**תוכן דב"ק בעת רעוא דרעוין שב"ק פרשת נח**
שנת תשפ"ה לפ"ק

עס שטייט אין די וואכענדיגע סדרה, אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו את האלוקים התהלך נח.

## ד' דיוקים בפרשתנו

פרעגט דער אור החיים הק' פארוואס זאגט דער פסוק תמים היה בדורותיו, דורותיו טייטשט אסאך דורות, דא רעדט מען דאך נאר פון זיין דור, אויב אזוי וואלט געדארפט שטיין תמים הי' בדורו.

נאך דארף מען פארשטיין, דער בעל הטורים שרייבט, אז די ווערטער, האלוקים התהלך נ'ח, איז סופי תיבות חכ"ם, דארף מען פארשטיין וואס וויל ער זאגן מיט דעם.

ווייטער, שטייט אין פסוק, אז דער אייבערשטער האט געהייסן נח, עשה לך תבת עצי גפר, קנים תעשה את התבה, קנים איז די זעלבע לשון ווי קן צפור, זאגט דער מדרש, אמר ר' יצחק, אזוי ווי פאר א מצורע נעמט מען א קן צפור, און דורך דעם ווערט ער גערייניגט, די זעלבע ווערט אויך די תיבה רייניגן די מענטשן אין דעם. דארף מען פארשטיין, וואס האט איינס שייכות מיטן צווייטן.

ווייטער איז דא א מדרש, אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר נח, בא אתה וכל ביתך אל התבה, כי אתך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, האט נח געזאגט פארן אייבערשטן, איך בין די זעלבע ווי מיין גאנצע דור, כאשר עשו כן עשיתי, איך בין אויך ביי דער דור המבול, וואס זענען זיי אנדערש פון מיר, נאר דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, און געזאגט, בא אתה וכל ביתך אל התבה, אבער ווען נישט וואלט איך געווען די זעלבע ווי די גאנצע דור, איז שווער, וואס איז פשט אין דער מדרש, דער אייבערשטער זאגט דיר, כי אתך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, וואס זאגסטו, כאשר עשו כן עשיתי.

## צריכין להמשיך

> **ווען ווערט זיין "וכתוב לחיים טובים", ווען עס ווערט זיין "כל בני בריתך", מען ווערט זיך האלטן בקדושה ובטהרה.**

## בעבודת הימים הקדושים העל"ט

פאר מיר וועלן פארענטפערן, וועלן מיר זאגן אפאר ווערטער. אונז זענען יעצט אריין אין חודש חשון, אונז זענען ארויס פון חודש תשרי, אידישע קינדער האבן זיך אויסגערייניגט, אויסגעוואשן פארן אייבערשטן, רביה"ק זי"ע פלעגט זאגן, מען האט זיך שוין טאקע אויסגערייניגט, אבער מען דארף ווייטער אנציען, מען דארף זיך ווייטער האלטן בקדושה בטהרה.

מען האט געזאגט אין די הייליגע טעג, וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך, ווען ווערט זיין וכתוב לחיים טובים, ווען עס ווערט זיין כל בני בריתך, מען ווערט זיך האלטן בקדושה ובטהרה, מען ווערט אפהיטן דעם ברית.

דער זוהר הק' ברענגט, פארוואס קומט אויס פרשת נח, נאך די הייליגע טעג, ווייל עס קומט לערנען, אז נאך די הייליגע טעג, וואס דעמאלטס זענען אידישע קינדער געווען אינגאנצן הייליג, זאל מען זעהן עס ווייטער אנצוצוען, אזוי ווי מען זעהט אין פרשת נח אז עס איז געקומען מבול, ווייל מען האט זיך נישט געהאלטן בקדושה ובטהרה, דאס קומט אויפצוועקן דעם מענטש, ער זאל וויסן, האסט געענדיגט דעם חודש, האסט געענדיגט די הייליגע טעג, יעצט גיי ווייטער אן בקדושה ובטהרה.

נאך זאגט דער זוהר הקדוש, עס שטייט אין פסוק, נח איש צדיק, נח וואס האט זיך יא אויפגעפירט בקדושה ובטהרה, ווערט אנגערופן א צדיק, די זעלבע אויך, ווען אידישע קינדער פירן זיך אויף בקדושה ובטהרה, ווערן זיי אנגערופן צדיקים, און אויף דעם שטייט, 'ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ', ווען אידישע קינדער פירן זיך אויף בקדושה ובטהרה, וועלן זיי האבן עולם הזה און עולם הבא, איז דאך יעצט א געוואלדיגע זמן, אידישע קינדער וועלן ווייטער זיך מחזק זיין, און אנצוען ווייטער די קדושה וטהרה

פון די הייליגע טעג.

## לשמור מן היצה"ר אף אחר הימים הקדושים

די גמרא ברענגט אין מס' סוכה, אז רבי אחא בר יעקב, ווען ער האט געשאקלט לולב ואתרוג, האט ער געזאגט, רבונו של עולם זאל דער לולב זיין א פייל אין דער אויגן פון די שטן דער יצה"ה, די גמרא זאגט דארט, אז ר' אחא בר יעקב האט עס טאקע געזאגט, ער האט געמעגט, אבער סתם א מענטש, זאל נישט אזוי זאגן, כדי זיך נישט צו רייצן מיט די שטן דער יצה"ה. דער הייליגע מהרש"א זאגט אויף דעם, אז זאגן זאל מען עס טאקע נישט, אבער אינזין האבן במחשבה מעג מען יא.

די ספרים הקדושים - די תלמידי בעש"ט - פרעגן, ווי קען דאס זיין, אידישע קינדער האלטן נאך די הייליגע טעג, עס איז געווען צוויי הייליגע טעג ראש השנה וואס מען האט מבלבל געווען דעם שטן, מיט תקיעות דמיושב און תקיעות דמעומד, דער שטן איז דאך נישט דא געווען, עס איז געווען יום הקדוש וואס מען שיקט אוועק דעם שטן, ער זאל נישט קענען מקטרג זיין, אויב אזוי פארוואס זאל מען יו"ט סוכות נאך דארפן אינזין האבן, אדער ווי ר' אחא בר יעקב, צו ארויסזאגן, אז די לולב זאל זיין פייל, אין די אויגן פון די שטן, ער איז דאך נישטא.

נאר וואס דען, דער שטן איז נאך אלץ מרקד בינינו, ער איז אלעמאל גרייט אויסצופירן זיין שלעכטע רצונות, וועגן דעם אפילו מען האלט שוין נאך די הייליגע טעג, מען האלט שוין ביי סוכות, דאך דארף מען ווייטער מלחמה האלטן מיט אים, וועגן דעם ברענגט מען אן אתרוג וואס ווייזט אויפן הארץ, הדסים וואס ווייזט אויפן אויגן, ערבות וואס ווייזט אויפן מויל, כדי צו ווייזן אז דער שטן איז נאך מרקד בינינו, און מען דארף זיך ווייטער אפהיטן, די הארץ די אויגן און די מויל, בקדושה ובטהרה.

## לשמור את עצמו ואת דורותיו מן הכלים הטמאים ולחזק האמונה בה'

**ליידער היינט בעיקבתא דמשיחא, קומען ארויס פארשידענע כלים, דארף מען זיך אפהיטן פון דעם, מען זאל זיך האלטן בקדושה ובטהרה, אזוי אויך דארף מען זיך האלטן מיט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, מען האלט נאך א חודש וואס אידן האבן מקבל געווען אמונה בה', מען האלט שוין נאך סוכות וואס איז געווען אהבת ה', מען האט שוין געהאט יראה מיט אהבה, דארף מען זעהן עס ווייטער אנצוהאלטן, פאר זיך און פאר די קינדער ווייטער.**

## תירוץ על דיוק א'

אז מען פארשטייט וואס עס ליגט אויף א מענטש צו טוהן, פאר זיך און פאר זיינע קינדער, קען מען פארענטפערן די ערשטע קשיא, פארוואס שטייט תמים היה בדורותיו נישט בדורו, איז די תירוץ, אז די תורה וויל זאגן, אז נח האט אכטונג געגעבן אויפצושטעלן ווייטער הייליגע דורות, אויף דעם האט ער מתפלל געווען צום אייבערשטן, אז זיינע דורות, זאלן זיך קענען שטארקן אין אלע שוועריגקייטן וואס זיי וועלן דורך גיין, דאס איז פשט, בדורותיו, נח אליין איז טאקע נאר געווען בדורו, אבער ער האט אכטונג געגעבן אויפצושטעלן הייליגע דורות.

## תירוץ על דיוק ב'

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס די בעל הטורים שרייבט, אז האלוקי'ם התהלך נ'ח איז סופי תיבות חכ"ם, אזוויי דער קאזניצער מגיד זאגט, איזהו חכם הרואה את הנולד, ווער איז א חכם דער וואס זעהט דעם נולד, דהיינו אז עס קען קומען שווערע צייטן, און אז עס גייט קומען שווערע צייטן, און דאס איז נח געווען, ער האט געזעהן דעם נולד, און ער האט מתפלל געווען אויף דעם.

## צריכין לילך בתמימות ולהראות כן להבנים

**דאס דארף יעדע טאטע וואס האט א שטוב מיט קינדער צו טון, אכטונג געבן אויף זיינע דורות, די קינדער זעהן וואס די טאטע'ס טוהן, איך גלייב נישט אז עס איז דא א איד וואס טוט עפעס נישט אויסגעהאלטן, אלע עלטערן טוען נאר וואס איז אויסגעהאלטן, און אויב דארף ער יא א כלי, טוט ער עס אויסגעהאלטן ע"פ הלכה, נאר די קינדער וואס זעהן, ווייסן נישט, זיי פארשטייען נישט די חילוק, על כן דארף מען אכטונג געבן, נישט צו ווייזן פאר די קינדער די אלע זאכן, און די קינדער זאלן וויסן, אז אונז אליין פארשטייען גארנישט, נאר מען פאלגט בתמימות די דעת תורה, און אויב דער טאטע טוט עפעס אנדערש, האט ער זיך פארדעם דורך גערעדט מיט א דיין אדער מורה הוראה. דאס ווייזט אונז די פסוק, תמים היה בדורותיו, ער איז געגאנגען בתמימות, און דאס האט ער געוויזן פאר זיינע קינדער.**

מען האט גערעדט במסגרת חבורת מזון הנפש, אין מס' סנהדרין, אז פארוואס איז זמרי בן סלוא דורך געפאלן, ווייל ער האט געפרעגט פון משה רבינו שאלות מיט שאלות, פארוואס דאס יא און פארוואס דאס נישט, וועגן דעם איז ער אזוי ווייט געפאלן, אונז דארפן וויסן אז אונז פארשטייען נישט אלעס, אונז פאלגן בתמימות, תמים תהיה עם ה' אלוקיך.

מען האט גערעדט מוצאי יו"ט ביים באגלייטן, האב איך געזאגט אז מען זעהט ביי שמחות בית השואבה אז אידן האבן זיך געפריידט דארט, וואס האט מען דארט געטוהן, מען איז געגאנגען פון ביינאכט ביז צופרי ווען מען האט געגאסן די וואסער אויפן מזבח, א גאנצע יאר גיסט מען נאר ווייך, סוכות אויך וואסער, זאגט דער הייליגע בעל התניא, מילא ווייך האט א טעם, עס האט א קאליר עס איז א

זאך פאר זיך, **אבער וואסער וואס האט נישט קיין טעם און נישט קיין קאליר, און עס שטייט נישט בפירוש און די תורה, נאר עס איז אנגענומען אזוי ביי די חכמים, ביי די כהנים, הלכה למשה מסיני, האבן אידן געמאכט פון דעם אזא גרויסע שמחה, זעהט מען פון דעם, אז א איד דארף גיין בתמימות מיט וואס די חכמים זאגן, מען דארף וויסן אז תמים תהיה עם ה' אלוקיך, מען דארף נישט אלעס פארשטיין, מען קען פרעגן, אז מען ענטפערט ענטפערט מען, אבער פרעגן ווייטער פארוואס אהין פארוואס אהער, טויג שוין נישט, און מען פאלט אוועק.**

עס געפאלט די וואך די יארצייט פונעם הייליגן רוזין'ער זי"ע, האט ער געזאגט, עס שטייט ואהבת את ה' אלוקיך, א איד דארף דינען דעם אייבערשטן מיט אהבה, וויל מיט יראה טוט מען נאר ווען מען שטייט אויף דיר, מיט אהבה טוט מען אויך אן דעם, פאר דעם אליין וויל דער הייליגע באשעפער האט אזוי געזאגט, אפילו איך פארשטיי נישט, וויל אהבה מיינט איך האב אים ליב, און וואס ער זאגט נעם איך אן, דער אייבערשטער זאגט אז מען זאל לערנען די הייליגע תורה, לערנט מען, אז מען טוט אזוי קען מען ווייטער אנצוען פאר זיך און פאר די דורות ווייטער, פארשטייט זיך מיט אהבה דארף מען אויך האבן סייעתא דשמיא, מען זאל זיך קענען אפהיטן, מען זאל זיך קענען האלטן.

דאס איז נח געווען, אזוויו עס שטייט, אלה תולדות נח נח איש צדיק, די פסוק זאגט אז ער איז געווען נח לשמים ונח לבריות, ער איז געווען גרינג צווישן מענטשן, און ער איז געווען גרינג צום אייבערשטן, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט טוהן האט ער געטוהן, און וואס ער האט געזאגט נישט טוהן האט ער נישט געטוהן, אן קיין קשיות.

דער הייליגן רוזינער זי"ע האט איינמאל פארציילט א מעשה, אז עס איז געווען א חסיד, וואס זיין פרנסה איז געווען, אז יעדעס יאר זוממער האט ער געקויפט אסאך סחורה, און אויפגענייט מאנטלען, און ווינטער ווען עס איז געווארן קאלט, האט ער אלעס פארקויפט. איז געוועהן איין יאר, וואס די ווינטער איז נישט געווען אזוי קאלט, און מענטשן האבן נישט געדארפט קויפן קיין נייע מאנטלען, און די חסיד האט זיך געטראפן אן קיין פרנסה, זיינע קינדער האבן געשריגן פאר א שטיקל ברויט, ער האט אבער נישט געהאט קיין עסן אינדערהיים. איין טאג האט מען אים פון הימל געשיקט איינעם, און יענער האט געזאגט, איך וויל אפקויפן די גאנצע סחורה, אבער דער חסיד וואס האט נאך געהאלטן פארן דאווענען און פארן לערנען, האט אים

**לײדער היינט בעיקבתא דמשיחא, קומען ארויס פארשידענע כלים, דארף מען זיך אפהיטן פון דעם, מען זאל זיך האלטן בקדושה ובטהרה**

אפגעזאגט, זאגנדיג איך טוה נישט קיין סחורה פארן דאווענען און לערנען, פאר איך האב נאך גארנישט געטוהן פארן אייבערשטן. און דא האט זיך דער רוזינער אפגעשטעלט. ביז דא גייט דער מעשה. אז א איד איז געוועהן אלעס גרייט צו פארלירן, נאר פארן אייבערשטן.

וואס איז געווען ווייטער, דאס איז שוין נישט נוגע, דער אייבערשטער האט ווייטער געפירט זיין וועלט. דאס דארף מען זיך ארויסלערנען, דאס האט ער אונז געלערנט, אונז גייען ב"ה ווייטער אן, אונז לערנען די הייליגע תורה, די כולל אינגערלייט זענען זיך קובע עתים אין די כוללים, די בחורים אין ישיבה, די קינדער אין חדר, אלעס גייט ב"ה ווייטער אן, אונז דארפן וויסן, אז אונז דארפן טוהן פארן אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט אונז צוהעלפן, מען דארף דאך סייעתא דשמיא, אונז וועלן טוהן א אתערותא דלתתא, און דער אייבערשטער וועט טוהן א אתערותא דלעילא.

## שלא יעזוב את התורה אפי' יום אחד

אין די וואכענדיגע סדרה זעהט מען א געוואלדיגע זאך, עס איז דא א מסורה, אז עס שטייט פיר מאל די ווארט "הלוך". דא ביי די מבול שטייט, וישבו המים מעל הארץ הלוך ושוב, ווייטער שטייט, והמים היו הלוך וחסור, ביי אברהם שטייט, ויסע אברם הלוך ונסוע, ביי יצחק שטייט, ויגדל האיש וילך הלוך וגדול.

**זענען די תלמידי בעל שם טוב זי"ע מבאר, אז עס איז מרמז אויף א איד וואס לערנט תורה, אויב איז ער 'הלוך ושוב' ער גייט ווייטער און ווייטער, דעמאלטס 'הלוך וגדול עד כי גדל מאד', ער וואקסט זייער גרויס ביז ער וואקסט א גרויסע תלמיד חכם. אויב אבער 'הלוך ונסוע' ער לערנט און גייט אוועק, דעמאלטס אם תעזבנו יום מיומים אעזבך, אויב לאזט ער נאך איין טאג ווערט עס נאך איין און נאך איין ביז ער ווערט 'הלוך וחסור'.**

די אלע פיר הלוך'ס קומען צו לערנען, אז א איד טאר זיך נישט אפלאזן פון די הייליגע תורה אפילו איין טאג, דאס איז שייך פאר יעדע איד, אפילו א בעל הבית און אוודאי די בחורים די כולל אינגעלייט און קינדער וואס לערנען די הייליגע תורה, די תורה איז מגנא ומצלא בין בעידנא דעסיק ביה, ובין בעידנא דלא עסיק ביה, מען דארף זיך נאר ארײנלייגן אין די תורה, און עס וועט אונז באגלייטן.

עס שטייט פון די הייליגע רבי משה לייב סאסובער זי"ע, אז ווען

מען זאגט יעדן טאג אתה חונן לאדם דעת וכו', דארף א מענטש בעטן אזויווי ער בעהט ביי ונתנה תוקף, אז ער זאל צוקומען צו חכמה בינה דעת, די ראשי תיבות פון ח'כמה ב'ינה ו'דעת איז די ראשי תיבת פון ח'יל ב'לע ו'יקיענו, וואס דאס האט מען אינזין אויב מען איז ח"ו דורך געפאלן, ווי אויך דארף מען אינזין האבן אז דער אייבערשטער זאל אין אונז ארייננשיינען די אור התורה, עס זאל בלייבן אין אונז, אונז זאלן עס פארשטיין.

## תירוץ על דיוק ג'

דאס איז וואס די תורה זאגט דא ווייטער, דער אייבערשטער זאגט פאר נח, עשה לך תבת עצי גפר קנים תעשה את התבה, קינים טייטשט שטיבלעך, אזויווי קן צפור, וואס מיינט א נעסט ווי די פייגל וואוינט, תעשה את התבה, תבה, קען טייטשן א ווארט, איז די פסוק מרמז, קינים תעשה את התבה, מען זאל מאכן די ווערטער פון דאווענען עס זאל זיין ווי א שטיבל, וואס מען גייט אריין אין דעם, די זעלבע זאל מען זיך ארייןלייגן אין די ווערטער, וואס מען רעדט צום אייבערשטן ווען מען דאווענט צו אים און דעמאלטס וועט זיין אזויווי א קן צפור וואס רייניגט א מצורע, וועסטו ריין ווערן דורך די ווערטער וואס דו רעדסט צום אייבערשטער.

## תירוץ על דיוק ד'

דאס האט דער אייבערשטער געזאגט פאר נח, בא אתה וכל ביתך אל התבה כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, איז געוועהן שווער די מדרש, אז נח האט געזאגט איך בין די זעלבע ווי מיין דור, כאשר עשו כן עשיתי, לכאורה איז דאך נישט אזוי געוועהן, עס שטייט דאך נח איש צדיק, נאר פשט איז, אז דאס וואס ער זאגט אז איך בין די זעלבע, מיינט נישט אז איך טוה די זעלבע מעשים, נאר אונז זענען דורך די זעלבע נסיונות, נאר נח האט זיך טאקע געשטארקט, און דאס איז געקומען נאר מיטן אייבערשטנס הילף, וואס ער האט רחמנות געהאט אויף אים, און אים געראטעוועט פון די נסיונות, ווייל ער האט מתפלל געווען.

דאס איז געוועהן נח איש צדיק, ווייל ער וואלט געקענט טוהן ווי זיין גאנצע דור, אבער ער האט נישט, ער איז געגאנגען דאווענען צום אייבערשטן, אז ער זאל אים ראטעווען, און אזוי איז געוועהן, עס איז דא א באשעפער, ער קען אונז ראטעווען פון אלע שווערע נסיונות, נח איז געוועהן נח לשמים, ווייל ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט אים ליב געהאט, און אים ארויס געראטעוועט.

אונזער דור איז נישט ווי זיין דור, אונז האבן ב"ה א תורה, אונז ווייסן וואס יא און וואס נישט, דארף מען זעהן צו טוהן וואס מען דארף, און נישט טוהן וואס מען טאר נישט, אונז וועלן אזוי טוהן ביז דער אייבערשטער וועט העלפן, אויף דעם ווארט מען, אויף דעם זענען אידן מתפלל, אז דער אייבערשטער זאל אונז ארייןלייגן אין די תורה, און העלפן אז מען זאל קענען דאווענען און לערנען ווי עס דארף צו זיין.

## גדלת אמירת קרבנות וקטורת

עס שטייט אין די סדרה א מורא'דיגע זאך, פון וואס מען קען זיך ארויסלערנען א געוואלדיגע לימוד, עס שטייט אין פסוק אז נח ווען ער איז ארויס פון די תבה, האט ער מקריב געוועהן קרבנות, שטייט דארט, וירח ה' את ריח הניחוח ויאמר ה' אל לבו לא אסף לקלל עוד את האדמה, וועגן די ריח הניחוח וואס נח האט געמאכט, האט דער אייבערשטער געזאגט אז ער וועט שוין מער נישט ברענגען א מבול אויף דער וועלט, נאר א רעגן בויגן ווען מען דארף.

אידישע קינדער קומען אריין צום דאווענען, מען זאגט קרבנות מיט קטורת, עס איז דאך זייער וויכטיג, אונז האבן נישט קיין ביהמ"ק, ווען די ביהמ"ק איז געשטאנען, איז עס געווען א געוואלדיגע זאך, דער אייבערשטער האט דורך דעם מוחל געווען אלע עבירות, היינט זענען מיר עס מקיים מיטן זאגן, און דאס וועט זיין פאר א אתערותא דלתתא, און אזוי וועט דער אייבערשטער טוהן אתערותא דלעילא, ער וועט מער נישט ברענגען קיין מבול.

**ליידער דארף מען אויף די וועלט אסאך רחמים, אסאך רחמים דארף מען, עס איז דא וואס מען ווייסט, און עס איז דא וואס מען ווייסט נישט, עס איז דא וואס מען זאל אפילו נישט וויסן פון דעם, לאמיר ברענגען א ריח ניחוח פארן אייבערשטן, אזוי וועט דער אייבערשטער זאגן אז איך ברענג מער נישט קיין שלעכטס, איך וועל ברענגען נאר גוטע זאכן.**

## קביעות עתים לתורה ושלא יצא מביהמד מתחלת התפלה עד סופו

אונז טוהן אזוי אונז האלטן זיך הייליג, אונז גייען אריין אין די נייע חודש, אין די נייע יאר, מען גייט אריין אין די ווינטער, עס קומט יעצט די לאנגע ווינטער נעכט, דארף מען זעהן קובע צו זיין עתים לתורה, און קומען צום דאווענען באצייטנס, איך רעד צו מיר אויך, איך רעד נאר הויעך, וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים, וואס די תלמידי בעש"ט ברענגען, אונז אלע דארפן זעהן צו קומען צום דאווענען באצייטנס, דאווענען ווי עס דארף צו זיין, נישט ארויסלויפן בשעתן דאווענען, מען בעהט דעם אייבערשטן ער זאל אונז געבן השפעות טובות, פרנסה, געזונט, און אלעס וואס מען דארף, זאל מען ח"ו נישט ארויסלויפן סוף דאווענען, ווייל דער אייבערשטער הערט אונזערע תפלות, און ער גרייט אונז אן פעקלעך מיט ישועות, אבער דער אייבערשטער געבט נישט אלעס אויף איינמאל, נאר צעביסלעך, אזויווי די מן, האט דער אייבערשטער געגעבן עקסטער נישט אויף איינמאל, ווייל ער האט געוואלט מען זאל בעטן פאר עס יעדן טאג.

עס איז יעצט געווען די הייליגע טעג,

המשך בעמוד ג'

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים יו"ט טיש

## א תורה אויף די פרשה

### אלה תולדות נח נח.

מען זאגט נאך פונעם יהודי הקדוש פון פרשיסחא זי"ע: "מענטשן טענה'ן אז זיי ארבעטן אזוי שווער נאר פאר די קינדער, און בעטן אלעמאל א ברכה פאר די קינדער, אז זיי זאלן אויסוואקסן צדיקים און ערליכע אידן. און די קינדער ווייטער טוען די זעלבע, ווען זיי וואקסן אויף אנשטאט צו ארבעטן אויף זיך, מוטשען זיי זיך אויף פאר די קינדער". פלעגט דער יהודי הקדוש זאגן: "איך ווארט שוין אזוי לאנג צו זעהן דעם לעצטן קינד, דער וואס אלע האבן געבעטן און זיך געמוטשעט פאר זיינעט וועגן, נאר וואס דען, יעדער דארף טאקע זעהן זיך אינזין צו האבן מען זאל אליין אויסוואקסן א לייט".

דאס זאגט דא דער פסוק, 'אלה תולדות נח נח' - נח האט נישט געארבעט נאר פאר די קינדער, נאר האט זיך זעלבסט געזען אלס קינד און האט געהארעוועט אויף זיך, ער איז געווען דער זוהן, וואס האט פארשטאנען אז אויך אויף אים ליגט א פליכט צו דינען דעם אייבערשטען, און דאס מיינט אויף דער מאמר חז"ל (סנהדרין קט) שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים, אז די צדיקים זעהן אין די מעשים טובים כאילו זיי זענען די קינדער.

(היהודי הק' מפרשיסחא זי"ע)

### את האלקים התהלך נח.

רש"י, ובאברהם הוא אומר אשר התהלכתי לפניו, נח היה צריך סעד לתומכו אבל אברהם היה מתחזק ומהלך בצדקו מאליו.

מען קען פארענטפערן פארוואס נח האט נישט מתפלל געווען אויף זיין דור אז זיי זאלן ניצל ווערן פונעם מבול, ווייל שפעטער ביי סדום שטייט ווען אברהם אבינו האט מתפלל געווען 'אולי ימצאון שם עשרה' זאגט רש"י "על פחות לא בקש, אמר דור המבול היו ח' נח ובניו ונשיהם ולא הצילו על דורם, ועל ט' ע"י צירוף כבר בקש ולא מצא".

לויט דעם איז אבער שווער, ווייל אברהם האט מתפלל געווען אויף ניין צדיקים מיט'ן צירוף פון דעם כביכול אלס צענטער, און ווען דער באשעפער האט באפוילן פאר נח צו בויען דעם תיבה האט דאך נאך מתושלח געלעבט, אינאיינעם מיט נח'ס פרוי און זיינע דריי קינדער מיט זייערע פרויען, איז דאך געווען ניין, איז שווער דעמאלטס פארוואס האט ער נישט מתפלל געווען און מצרף געווען דעם אייבערשטער כביכול אלס צענטער?

אבער לויט רש"י הק' דא, שטימט עס זייער גוט, ווייל אברהם אבינו ע"ה האט נישט געדארפט קיין סעד לתומכו, האט ער דעריבער געקענט מצרף זיין דעם אייבערשטן, אבער נח וואס זיין גאנצע צדקות איז נאר געווען מיט'ן הילף פונעם רבוש"ע, איז ער דאך שוין געווען אריינגערעכנט אין די ניין צדיקים, האט נח נישט געקענט נאכאמאל מצרף זיין דער רבש"ע משלים צו זיין פאר צען.

(חתם סופר)

## א מעשה אויף די פרשה

### תולדותיהם של צדיקים.

עס איז אמאל געווען א איד וואס האט נעבעך נישט געהאט קיין קינדער פאר אסאך יארן. איז אמאל אויסגעקומען, אז דער הייליגער לב שמחה פון גור זצ"ל האט געדארפט האבן א וויכטיגע טובה פון דער איד, און דער איד האט עס געטון מיט זיין גאנצן הארץ.

האט דער לב שמחה געזאגט צו דער איד, אז עס שטייט אין רש"י "תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים", האט דער הייליגער רבי ר' בונם פון פשיסחא זי"ע געטייטשט, אז עס איז דא אויבן אין הימל אסאך שערים "אסאך טויערן", צוויי פון די טויערן זענען נאנט איינס לעבן די אנדערן, דאס זענען תולדותיהם של צדיקים, די שער פון האבן קינדער, און די אנדערע איז מעשים טובים, דער וואס טוט חסד איינער מיט'ן אנדערן.

האט דער לב שמחה געזאגט צו דער איד, אז דו האסט געעפענט די שער פון טון חסד, קענסטו זיך גרינג אריין כאפן אין די אנדערע שער פון האבן קינדער. וכך הוה, דער איד איז געהאלפן געווארן מיט קינדער.

### ומוראכם וחתכם יהי' על כל חית הארץ.

דער הייליגער רבי משה סאווראנער זי"ע האט דערציילט, אז ווען דער גרויסער גאון וקדוש דער פני יהושע זי"ע איז געווען רב אין פראנקפורט פלעגט ער זיך פירן אנצוטון טלית ותפילין אין שטוב, און ווען ער האט געהאט אויף זיך דעם טלית ותפילין פלעגט ער אריינקומען אין שוהל.

איינמאל ווען ער איז ארויס פון שטוב אויפ'ן וועג צום שוהל זעהט ער ווי די גאסן זענען געוועצליך ליידיג. ער האט זיך שטארק געוואונדערט וואס עס האט היינט פאסירט, ביז ער האט פלוצלינג באמערקט ווי א גרויסע בער קומט אים אנטקעגן, דער פני יהושע האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז דער סיבה פארוואס קיינער איז נישט אין גאס, די שטאטלייט האבן מורא פונעם שעדליכן חיה, און יעדער איז געבליבן איינגעשפארט אין די הייזער.

דער הייליגער פני יהושע האט אראפגענומען זיין טלית פון זיין הייליגע פנים, און גייט צו מיטן פולסטן רואיגקייט צום גרויסן בער, און קוקט אים אן, ווען דער בער האט געזעהן דאס הייליגע געשטאלט פון דעם פני יהושע, איז ער אנטלאפן פון שטאט, און מער האט אים נישט צוריקגעזעהן אין שטאט.

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
**מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א**

# משרתת עכו"ם בבית ישראל

## רייניגן די שטוב דורך א גוי'שע משרתת (ב)

### זהירות ביי א גוי'שע משרתת

אין די פריערדיגע מאמר האבן מיר געשריבן אז די חכמים האבן געאסר'ט זיך צו באפריינדן מיט גוים, און זיי האבן געאסר'ט פארשידענע זאכן, אין דעם מאמר האבן מיר געשריבן בעזרת השי"ת נאך עטליכע זאכן וואס די חכמים האבן געאסר'ט זאכן וואס ברענגען פריינדשאפט, און מען דארף אכטונג געבן אין די זאכן.

א.

**שאלה: מעג מען גריסן פאר די גוי'שע משרתת, למשל זאגן גאד-מארנינג, אדער גאד-דעי?**

**תשובה:** שטייט אין די גמרא (גיטין דף ס"א ע"א) אז מען מעג גריסן פאר א גוי און זאגן שלום, וועגן דרכי שלום, און וויבאלד דער סדר איז אז דער וואס הייבט אן צו גריסן זאגט נאר איינמאל שלום, און דער וואס ענטפערט זאגט צוויי מאל שלום, דעריבער ווען מען זעהט א גוי און מען וויל אים גריסן זאל מען קודם גריסן דעם גוי און זאגן נאר איינמאל שלום, און נישט ווארטן אז דער גוי זאל קודם גריסן, ווייל דעמאלטס וועט מען אים דארפן זאגן צוויי מאל שלום, און עס איז בעסער אז מען גריסט אים ווי וויינינגער, מען האט מתיר געווען נאר וויפיל עס פאדערט זיך וועגן דרכי שלום, און אזוי ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך (יו"ד סימן קמ"ח ס"י).

זעט מען פון די גמרא, אז נאר וועגן דרכי שלום האט מען מתיר געווען צו זאגן שלום, און וועגן דעם זאל מען ענדערש אנהייבן צו זאגן שלום, כדי מען זאל נישט דארפן צו זאגן צוויי מאל שלום.

אבער די פוסקים שרייבן, אז דאס איז נאר ווען מען גריסט אויף לשון קודש מיטן לשון "שלום", ווייל דאס איז דער נאמען פונעם אייבערשטן, אבער צו גריסן אויף א אנדערע לשון ווי למשל א גון-מארגן, אדער א גוטן-טאג, א.ד.ג., מעג מען זאגן אפילו צוויי מאל (טו"ז ס"ק ו'), און דער ברכי יוסף שרייבט אז אויף דעם פארלאזט זיך די וועלט צו גריסן פאר די גוים (והש"ך שם מפקפק בזה).

קומט אויס אז מען מעג גריסן פאר די גוי'שע משרתת גאד-מארנינג, אדער גאד-דעי, א.ד.ג.

**באמערקונג**

שטייט אין ספר חסידים אז די וואס שעלטן דעם גוי בשעת'ן גריסן, אפילו דער גוי פארשטייט נישט וואס דער איד זאגט, און ער מיינט אז ער גריסט אים זיי טוען א עבירה, ווייל דאס איז א גניבת דעת (ספר חסידים סימן נ"א).

ב.

**שאלה: מעג מען לויבן א גוי'שע משרתת, למשל זאגן פאר די משרתת, אדער פאר אנדערע מענטשן, אז די ארבעט זייער גוט, אדער אז די איז זייער געטריי, אדער אז די איז א קליגע א.ד.ג.?**

**תשובה:** עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך (יו"ד סימן קנ"א סי"ד) אז מען טאר נישט לויבן אדער רומען א גוי'שע משרתת, למשל מען טאר נישט זאגן אז זי ארבעט זייער גוט, אדער זי איז א געשיקטע, א.ד.ג., אויך טאר מען נישט רומען איר מהות, אז זי איז קלוג, אדער זי איז ארענטליך, אדער ערליך א.ד.ג., ווייל דאס רומען גוים ברענגט נאנטשאפט צו גוים, און מען קען זיך לערנען פון זייערע מעשים, און דאס גייט אריין אין די איסור פון "לא תחנם", אז גוים טארן נישט האבן חן אין אונזער אויגן.

### פעלער וואס מען מעג רומען

עס זענען דא פעלער וואס מען מעג זיי רומען, דאס איז ווען דאס רומען ברענגט א נוצן, למשל: ווען דורכן רומען אז זי ארבעט גוט, וועט זי טון איר ארבעט מיט מער חשק, אזוי אויך ווען א שכנ'טע פרעגט זיך נאך איבער איר, ווייל זי וויל וויסן צי זי זאל איר נעמען פאר א משרתת א.ד.ג., וואס דעמאלטס מעג מען זאגן אירע מעלות, אבער סתם צו רומען אירע מעלות איז אסור.

ג.

**שאלה: מעג מען געבן א גוטע עצה פאר א גוי'שע משרתת?**

**תשובה:** מען טאר נישט געבן א עצה פאר א גוי'שע משרתת, אויסער אויב דאס איז פאר די אייגענע טובה, אדער א טובה פון א צווייטן איד, און וועגן דרכי שלום מעג מען אפילו עס איז א טובה פאר די משרתת אליין.

ד.

**שאלה: מעג מען געבן א ברכה פאר א גוי'שע משרתת?**

**תשובה:** א גוי'שע משרתת וואס איז אין א עת צרה, זי אדער איינער פון איר משפחה דארף א רפואה, אדער א אנדערע ישועה, מעג מען איר אנוואונטשן, אזוי אויך מעג מען איר וואונטשן אז זי זאל פארן און צוריק קומען געזונטערהייט (דרכי תשובה סימן קנ"א ס"ק כ"ט, בשם ספר חסידים סימן תשמ"ו).

ה.

**שאלה: א גוי'שע משרתת האט עפעס פארלוירן, אדער עפעס איבערגעלאזט ביי א איד אינדערהיים, און זי ווייסט נישט ווי זי האט עס איבערגעלאזט, דארף מען מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה?**

**תשובה:** עס איז דא אין דעם דריי אופנים: אופן 1. מען טאר נישט צוריק געבן, אופן 2. ווער עס גיט צוריק איז געלויבט, אופן 3. מען איז מחויב צוריק צו געבן, ווי פאלגענד:

### 1. מען טאר נישט צוריק געבן

סתם אזוי ווען א גוי'שע משרתת פארלירט עפעס, טאר מען דאס נישט צוריק געבן, און אויב מען גיט דאס צוריק איז מען עובר א עבירה, ווייל אין די תורה שטייט, אז מען זאל צוריק געבן "אבידת אחיך" א אבידה פון דיין ברידער דאס מיינט א איד, און ווער עס גיט צוריק אויך א אבידה פון א גוי, ווייזט מיט דעם אז די מצוה פון השבת אבידה איז ביי אים נישט א מצוה פון די תורה, ווייל אפילו פאר א גוי וואס די תורה האט נישט געהייסן צוריק געבן זיין אבידה גיט ער עס אויך צוריק (רש"י סנהדרין ע"ו).

### 2. ווער עס גיט צוריק איז געלויבט

אויב עס וועט ארויס קומען פון דעם א קידוש השם, אז מען וועט דורכדעם לויבן די אידישע פאלק, אז זיי זענען א באגלייבטע פאלק, וואס דעמאלטס כאטש עס איז נישט קיין חיוב צוריק צו געבן, מעג מען צוריק געבן, און ווער עס גיט צוריק דער איז געלויבט.

עס שטייט אין ספר חסידים אז אסאך מענטשן האבן צוריק געגעבן א אבידה פאר א גוי כדי עס זאל ארויס קומען א קידוש ה', און זיי האבן מצליח געווען, און אזוי אויך פארקערט עס זענען געווען מענטשן וואס האבן נישט צוריק געגעבן א אבידה פון א גוי, כאטש עס וואלט געקענט ארויסקומען פון דעם א קידוש השם, און זיי האבן נישט מצליח געווען (באר הגולה סימן שמ"ח ס"ב בשם ספר חסידים).

### 3. מען איז מחויב צוריק צו געבן

אויב דורך דעם וואס מען וועט נישט צוריק געבן די אבידה, קען ארויס קומען פון דעם א חילול השם, למשל זי האט עס פארלוירן אין די אידישע שטוב אדער אין חצר, און אז מען וועט עס נישט צוריק געבן וועט זי חושד זיין אז איינער פון די אידן האט דאס געגנב'ט, ביי אזא פאל איז מען מחויב צוריק צו געבן די אבידה.

ו.

**שאלה: איז דא א חיוב צו באצאלן פאר די גוי'שע משרתת אין דעם זעלבן טאג וואס זי האט געארבעט?**

**תשובה:** מן התורה איז דא א חיוב צו באצאלן פאר אן ארבעטארער זיין געהאלט אינעם זעלבן טאג פון די ארבעט, און איינער וואס באצאלט איינמאל א וואך, אדער איינמאל א חודש, דארף באצאלן אין די לעצטע טאג פון וואך אדער פון חודש, און ווער עס באצאלט נישט איז עובר אויף די מצות עשה פון "ביומו תתן שכרו", דאס מיינט אז דו זאלסט באצאלן אינעם זעלבן טאג זיין געהאלט, און אויך איז מען עובר אויף א לאו פון "לא תלין פעולת שכיר" זאלסט נישט איבערנעכטיגן די געהאלט פון דיין געדינגענער ארבעטארער.

אין די גמרא (בבא מציעא דף קי"א ע"ב) איז משמע אז דאס איז שייך נאר ביי א אידישע ארבעטער, אבער ביי א גוי'שע ארבעטער איז דאס נישט שייך, ווייל די גמרא זאגט אז ביי א גר תושב איז יא שייך די מצוה פון ביומו תתן שכרו, איז געדרינגען אז א גוי וואס איז נישט קיין גר תושב, איז בכלל נישט שייך די הלכה פון באצאלן אין דעם טאג.

אבער דער רמב"ם כאטש ער שרייבט נישט אז ווען מען צאלט נישט פאר א גוי אין דעם טאג, איז מען עובר אויף די לאו פון "לא תלין", פונדעסטוועגן שרייבט ער אז די מצות עשה פון "ביומו תתן שכרו" איז שייך אויך ביי א גוי, דעריבער שרייבן פוסקים, אז לכתחלה זאל מען באצאלן אויך פאר א גוי אינעם זעלבן טאג נאך זיין ארבעט.

און דער קב הישר שרייבט, מיט דעם לשון: עס איז א גרויסע ווארענונג פאר די אלע מענטשן וואס זיי הערן די געבעט פון זייער ארבעטארער אפילו א גוי, וואס בעטן זיך אז מען זאל זיי באצאלן פאר זייער ארבעט, און מען שטופט זיי אפ און מען באצאלט זיי נישט אין די צייט, עס איז נישטא א גרעסערע חילול השם גרעסער פון דעם, און די שטראף איז נאנט צו קומען, און זייער פארמעגן וועלן ווערן פארלוירן, און אפילו יעצט גייט זיי גוט, וועלן זיי צום סוף ארעם ווערן, דעריבער דארף יעדער מענטש אכטונג געבן נישט נכשל צו ווערן אין דעם, נאר באצאלן אין די צייט (קב הישר פרק י"ד).

**באמערקונג**

עס איז דא ווער עס איז מעורר, אז כאטש מען דארף צאלן אפילו פאר א גוי אין דעם טאג נאך זיין ארבעט, כדי עס זאל נישט ארויס קומען פון דעם א חילול השם, פונדעסטוועגן זאל מען נישט באצאלן פון פאראויס פאר מען האט געענדיגט די ארבעט, ווייל דער חיוב צו באצאלן איז ביים סוף טאג נאך זיין ארבעט, און נישט פאר מען האט געענדיגט די ארבעט (שו"ת תשובות והנהגות ח"ב סימן תש"ל).

**המשך יבוא אי"ה**


בס"ד

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

Tel. (450) 435-0209 בבית | In Yeshiva (450)430-6420 בבנין הישיבה | Fax (450) 433-9379 פאקס

# מודעה

הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש הע"י אשר

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ישבות בעז"ה

מיום א' נח עד יום ה' וירא הבעל"ט

בפארט לארידעיל

* * *

להזכרות וכדו'
יכולין להתקשר אל המשב"ק
450-435-0209

בכבוד רב
העומדים על משמרת הקודש

# נועם העבודה

## ווי אזוי קדושת שבת ברענגט מקיים צו זיין די גאנצע תורה

בעזרת השם וועל מיר רעדן איבער די מעלות פון שבת קודש. און באמת איז, אונז שטייט מיר אין חודש חשון, די ספרים זאגן אז מרחשון איז נישטא קיין ימים טובים. נאך די אלע ימים טובים וואס אונז האבן געהאט חודש תשרי, קומט א חודש חשון וואס איז נישטא אין די חודש קיין ימים טובים, איז דאך יעצט די ריכטיגע צייט זיך אריינצולייגן אין די ענין פון קדושת שבת.

איז באמת, שבת איז נישט סתם נאך א מצוה, ס'איז א יסוד, די גמרא זאגט דאך אז ס'איז א פשיטא, אז שבת איז שקול קעגן די גאנצע תורה.

עטליכע מצוות זענען שקול כנגד די גאנצע תורה, וואס באמת א יעדע מצוה וואס מען איז מקיים זאגט מען אלס, "ותרי"ג מצוות התלוים בה", און די ספרים הק' זענען מסביר אז יעדע מצוה איז כלול פון אלע תרי"ג מצוות, און דאס איז א זאך ברוחניות, ברוחניות איז דער כלל אז יעדע זאך איז כלול פון אלעס, יעדע יסוד האט אין זיך אלע יסודות, און תלמידי בעל שם טוב ברענגען, אז באמת אפילו א מענטש איז מקיים נאר איין מצוה בשלימות, קען עס אים ברענגען צו כל התורה כולה, נישט קיין חילוק וועלכע פון די תרי"ג מצוות. פארשטייט זיך נאר באופן אז ער מיינט נישט מיט דעם פטור צו ווערן פון עפעס אנדערש, אז ער וויל זיך פטר'ן פון אנדערע מצות ווייל ער טוט שוין דאס, דעמאלטס וועט עס נישט ארבעטן, נאך מער, אפילו ווען ס'איז פארקערט, אפילו אויב נאר איין מצוה נעמט ער נישט, אז ער וויל נאר אויסלאזן איין מצוה הייסט ער שוין א מומר לדבר אחד.

אבער אפילו ער איז נישט מקיים אלע מצוות בשלימות, ער לייגט נאר אויף איין מצוה א שטערקערע דגוש דערויף, קען אים די איין מצוה ברענגען אז ער זאל ווערן א צדיק אין אלע ענינים, און ער זאל קענען צוקומען צו כל התורה כולה.

דאס איז גענזאגט געווארן ביי יעדע מצוה, און מען האט טאקע געזען צדיקים וואס האבן געלייגט א דגוש אויף א מצוה פרטית, און מיט דעם האבן זיי מקרב געווען אידן, געמאכט בעלי תשובות מיט איין נקודה, כידוע אסאך מעשיות פון צדיקים.

אבער די מצוה פון שבת קודש איז מער ווי דעם. שבת איז טאקע שקול כנגד כל התורה כולה, און שבת איז פשוט אז דער רבוש"ע האט אונז געגעבן די מצוה פון שבת אז דאס זאל אונז ברענגען מקיים צו זיין די גאנצע תורה, ווי די סידורו של שבת איז מסביר אין די הקדמה, אז שבת איז געגעבן געווארן נאך במרה, ער איז מסביר מיט א משל, ווי א דאקטאר וואס וויל אויסהיילן א מענטש, ער קען היילן, קיינער גלייבט אים נישט אז ער קען היילן, האט ער אויסגעהיילט איינעם פאר אומזיסט, צו ווייזן אז ער קען אויסהיילן. ווייל אז מען וועט פון דעם זען אז ער קען אויסהיילן, וועט מען שוין קומען צו אים און מען וועט שוין זיין גרייט צו צאלן פאר אים פאר אנדערע מחלות.

### אותיות מחכימות:

**והזמן** העיקרי שבו יש בכח האדם לקנות בנפשו כח האמונה הזאת, הוא ביום שבת קודש, כמו שביארנו, כי בבוא יום השבת קודש, זוכים כל הברואים להכיר כי הבורא ב"ה הוא המחיה אותם והמקיימם בכל רגע, ואם האדם מכין את עצמו ליום השבת קודש כראוי, וממלא את סדר יום השבת קודש כדבעי, אז זוכה להשיג אמונה הזאת. וכבר ביארו בספרים הקדושים ענין קדושת יום השבת קודש, בפרט תלמידי הבעל שם טוב הק', מבארים הרבה ומסבירים היטב בספריהם הקדושים, כיצד צריכה להיות הנהגת האדם בשבת קודש, ובספר הקדוש סידורו של שבת, מבאר בלשונו הקדוש והנעים, כל פרט ופרט של סדר השבת קודש, בדברים מובנים ופשוטים מאוד, שאפילו נערים וצעירים יכולים להבין הדברים בניקל. על כן צריכין להגות הרבה בספרים הקדושים הללו, כדי להתלמד כיצד לערוך את יום השבת קודש כראוי, להתדבק בו יתברך על ידי קדושת השבת, שזהו תכלית יום השבת קודש, ולא כמו שהאיש ההמוני מדמה בדעתו, כי השבת ניתנה כדי לנוח מנוחת הגוף, ולכן עיקר דאגתו של איש כזה היא, שביום השבת יוכל לנוח מעבודתו הגופנית שבששת ימי המעשה, וכאשר כבר ישן די צרכו, אז מרגיש שכבר פעל תכליתו ביום השבת קודש. אוי ואבוי מהתנהגות כזו, וכי לכך הנחילנו ה' אלקינו את יום השבת באהבה וברצון, כדי שיוכל האדם למלאות תאותו בעולם הזה כסוס וכפרד, רחמנא ליצלן.

**הלא** על זה הזהירה אותנו התורה, שהשבת יהי' שבת לה', היינו שעיקר כונת המנוחה תהיה לנוח מעניינים גשמיים ומכחות הקליפות השולטין בימות החול, ולהתדבק בו יתברך על ידי כח הקדושה ואור ה' היורד ביום השבת.

(עבודת עבודה דב"ק ח"ב קי"ב)

## מפעל להתאחד בחורי אנ"ש

נמסר על ידי הרב הגאון ר' **יואל גאנדל** שליט"א
ר"מ בישיבתינו הק' תורת משולם פייש, ניו יארק - במיוחד לבחורי אנ"ש חברי חבורות עבודת עבודה

אזוי איז דער שבת, ווען דער רבוש"ע האט געוואלט געבן די תורה פאר די אידן, האט ער געגעבן טועם צו זיין וואס דאס איז א מצוה, וואס בעצם די וועלט איז דאך "היום לעשותם ומחר לקבל שכרם", אויף די וועלט פילט מען דאך נישט די טעם פון די מצוות, דער אייבערשטער האט געוואלט אז אידן זאלן מקבל זיין די תורה, האט ער אונז געגעבן די מצוה פון שבת, און שבת איז מעין עולם הבא, שבת קען מען טועם זיין, א מענטש איז זוכה. שבת איז א מצוה וואס איז געגעבן געווארן כדי צו פילן דעם טעם פון עולם הבא, כדי צו פילן נאנט צום אייבערשטן. און ממילא אז א איד איז מקיים דעם שבת ווי עס דארף צו זיין, ברענגט עס אים צו כל התורה כולה.

און דער סידורו של שבת איז טאקע מסביר, די גמרא זאגט, "אלמלא שמרו ישראל שתי שבתות מיד נגאלו", און ס'איז זיכער אז אידן ווערן נישט אויסגעלייזט נאר דורך תשובה, ווי דער רמב"ם פסק'נט "אין ישראל נגאלין אלא בתשובה", און תשובה מיינט אויף אלע ענינים. נאר וואס דען? אז מען היט איין שבת ווי עס דארף צו זיין, זעט שוין די גאנצע וואך אויס אנדערש, ממילא אז די גאנצע וואך איז ווי עס דארף צו זיין, איז שוין די שבת נאכדעם אסאך א העכערע מדריגה. ממילא אז ס'איז דא צוויי שבתות, די ערשטע שבת און די צווייטע שבת, מיינט עס די גאנצע וואך איז שוין גוט, און אז די גאנצע וואך איז גוט, איז פשט אז ס'איז דא תשובה אין אלע ענינים, האט דאך די שבת צוגעברענגט צו אלע ענינים, דעמאלטס איז טאקע מיד נגאלו.

דער הייליגע באר מים חיים זי"ע האט געמאכט א ספר 'סידורו של שבת', ווי ער איז גאר שיין מסביר די גאנצע סדר הדברים פון שבת קודש, ער שרייבט אין די הקדמה, אז דער ספר (אינעם חלק א') איז אויסגעשטעלט אויף א אופן, אז ער גייט דורך דעם סדר היום פונעם שבת, אז א מענטש זאל גיין מדרגא לדרגא פון אנפאנג שבת ביז סוף שבת, מען זאל זיך דערהייבן אלץ מער און מער.

די מציאות איז אז א מענטש קען אמאל דורכגיין דעם שבת און ער וועט גארנישט מרגיש זיין. ווייל אז מען לייגט זיך נישט אריין דערין, אז מען לערנט נישט דערפון, ווייסט מען נישט וואס דא טוט זיך.

די נקודת הדברים איז, אז א מענטש לייגט זיך אריין אין א זאך און ער גייט דערין טיפער און טיפער און טיפער און טיפער אן קיין הפסק, קומט ער אריין אינעווייניג, דעמאלטס קומט ער אריין אינעם שבת.

דער סידורו של שבת איז מסביר, ער האט אויסגעשטעלט דעם ספר אין 9 שרשים, ער גייט דורך די גאנצע סדר פון אונטן ארויף, אנגעהויבן פון ערב שבת, די הכנות צום שבת, ס'הייבט זיך אן פון מדת המלכות, צו יסוד, הוד, העכער און העכער, אריין אינעם שבת, שבת ביינאכט, שבת בייטאג, עס קומט צו שלש סעודות האלט ער שוין ביי כתר. ער איז אלעס מסביר בפשטות, אבער אין אלעס ליגט באהאלטן די סודות פונעם שבת.

די ענין פונעם שבת איז, אז דער שבת גייט אלץ ארויף, במשך די מעת לעת פונעם שבת, פרייטאג צונאכטס און שבת צופרי, שלש סעודות, גייט עס אלץ העכער און העכער, ביז ס'קומט אן די שפיץ, די שלש סעודות וואס דערהייבט א מענטש אין א אנדערע מצב, אין א אנדערן וועלט, אויטאמאטיש ס'קומט די וואכענדיגע טעג נאך שבת, איז ער נישט דער זעלבער מענטש, און אפילו ער גייט צוריק צו די וואכן טעג, פירט ער זיך שוין אויף אנדערש, כידוע די מעשה מיט'ן באר מים חיים אליינס, אז ער האט אויפגעהויבן א איד אין א הויכע מדריגה דורך די קדושה פון שבת ביז ער האט דאס נישט אויסגעהאלטן.

און פארשטייט זיך אז פאר דעם דארף מען זיך צוגרייטן, אז א מענטש איז פארנומען מיט שמועסן א גאנץ שבת, גייט ער ארויס פונעם שבת, ער לייגט זיך נישט אריין אינעם עמקות פונעם שבת.

איינע פון די יסודות וואס רבינו הקדוש זי"ע האט אונז אלס געזאגט טאקע, איז די ענין פון נישט רעדן שבת. דאס איז זייער שווער מקיים צו זיין אסאך מאל, און מען דארף מטכס עצה זיין דערויף. איז פשוט 'נישט שמועסן שבת', קען ביי געוויסע זיין סתם א סיגוף, און באמת שטייט טאקע אין שולחן ערוך אז די מענטשן וואס האבן א עונג פון רעדן שבת זיי מעגן רעדן שבת, אבער מען רעדט טאקע אז א מענטש זאל זיך טאקע אריינלייגן אין קדושת שבת, אז ס'זאל זיין א עונג "נישט צו שמועסן", ער וועט ארויפגיין מדרגא לדרגא, און מיטהאלטן מיט קדושת השבת ביז ער וועט נישט וועלן שמועסן.

אז א מענטש גייט דורך מיט'ן שבת, ער האלט מיט יעדן פלאץ פונעם שבת, וואו מען האלט יעצט, וואס איז די טיפקייט דערפון, וואס איז די כוונות דערפון, איז פארקערט, וויל ער נישט רעדן, וויל ער זיך נישט אריינלייגן אין עפעס אנדערש. יא, ער וועט באגריסן יעדעם איינעם, אבער ער קען זיך נישט אויספלאגן פונעם שבת ווי מען זאגט, ער קען זיך נישט אריינלייגן אין עפעס אנדערש, ער הייבט אן מיט די הכנה צום שבת נאך פאר שבת, די ענין פון תשובה טון פארן שבת, כדי מען זאל טאקע קענען זוכה זיין צו קדושה פון שבת, די קבלת עול מלכות שמים, און נאכדעם גייט מען ווייטער מיט די נרות שבת, די ענין פון ופרוס עלינו סוכת שלומך, די ענין פון דער רבוש"ע נעמט אונז אריין אין זיין שמירה.

אזוי גייט ער מדרגא לדרגא, די זמירות שבת, די קידוש פון שבת, די תפילות פון שבת, מען קומט צו שבת צופרי נאך א דרגא, די מוסף. די סעודה פון שבת צופרי, ביזן שלש סעודות, אזוי גייט מען מדרגא לדרגא, ס'פארט און פארט ארויף ארויף, אויטאמאטיש ווערט ער איינגענומען אין די קדושה פון שבת, הייבט עס אים אויף אינגאנצן,

המשך בעמוד יד



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל
חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע

**דעם קומענדיגן זונטאג לך לך – ז' חשון, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן צדיק רבי יהודה צבי מ'ראזלא, רבי יהודה צבי בן הרה"ק רבי משה מ'סאמבור זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי יהודה צבי מ'ראזלא זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקנ"א לפ"ק.

ער איז געווען א תלמיד און א איידעם ביי זיין פעטער, דער הייליגער עטרת צבי פון זידיטשוב זי"ע, און האט געדינט ברבנות אין די שטעט פון גלינא, ברדושין, ראזלא.

ער האט מחבר געווען די פאלגענדע ספרים: "דעת קדושים" - "עמוד התורה" - "תעלומות חכמה".

רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע איז נסתלק געווארן עטליכע רגעים נאכן לייענען קריאת שמע, און זאגן די פרשה פון עשרת הדברות - זייענדיג זיבן-און-פופציג יאר, אין ז' מרחשון אין יאר תר"ח לפ"ק.

### שייכות מיוחדת לרבותינו הקדושים

רבותינו הקדושים זי"ע האבן געהאט א ספעציעלע קשר מיטן ראזלא רב ודרכו בקודש, זייענדיג א תלמיד ותיק וחביב מיט זיין הייליגן שווער רבינו העטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

ווען דער ראזלא רב זי"ע איז געווען אמאל אין די שטעטל הארשפאלווע, איז דער הייליגער שרף זי"ע זייענדיג נאך אלץ בחור, געפארן ווײלן במחיצתו, דער ראזלא רב האט באלד געזעהן אז דאס איז גאר אן הויעכע נשמה, האט ער אים מקרב געווען און האט אויף אים משפיע געווען פון זיין גרויסע קדושה. זינט דאן האט דער שרף אנגעקניפט א געוואלדיגע קשר מיטן ראזלא רב.

דער סבא קדישא זי"ע פלעגט פורים און ערב יוה"ק זאגן א ספעציעלע "לשם יחוד" וואו ער האט אויסגערעכנט על דעת עטליכע צדיקים, צווישן זיי איז געווען "על דעת וכוונת הרה"צ רבי יודא צבי מראזלא זצ"ל ותלמידיו".

### פרעגטס דעם

### שווארצן יונגערמאן

רבינו הקדוש זי"ע דערציילט אין עבודת עבודה, אז אמאל פרייטאג צונאכטס האט רבי יהודה צבי מ'ראזלא געוואלט אריינטראגן פאר זיין שווער א גלאז טיי, קומענדיג נענטער צו די טיר, האט ער ארויסגעהערט קולות פון עטליכע מענטשן, אנצייגענדיג אז אינעם צימער פון זיין שווער געפינען זיך עטליכע מענטשן. האט זיך רבי יהודה צבי אראפגעבויגן און אריינגעבליקט אינעם צימער דורכ'ן לאך פון די טיר. האט רבי יהודה צבי געזעהן ווי אינעם צימער זיצן דארט צוויי עלטערע מענטשן, איינער האט אויסגעזעהן ווי א עלטערע מאן, און דער צווייטער האט אויסגעזעהן ווי א יונגערמאן. און זיין שווער דער עטרת צבי האט זיך מיט זיי מפלפל געווען.

אזוי ווי רבי יהודה צבי האט דאס געזעהן, האט ער שוין מורא געהאט אריינצוגיין מיטן גלעזל משקה, און ער האט זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאנגען.

שבת ביי שלש סעודות האט דער עטרת צבי אנגעהויבן זאגן תורה מיט א מאמר פון זוהר הק', מיטן זידיטשובער נוסח "דעם מאמר לערנט רבי שמעון בר

המשך מעמוד יד

ער פילט זיך ווי א צווייטער מענטש, אויטאמאטיש וועט די גאנצע וואך שוין אויסזען אנדערש.

די ערשטע זאך איז טאקע די הכנה וואס מען לערנט וועגן שבת, מען לערנט אביסל, וויסן וואס א שבת איז. אפילו בפשטות, פשוט ביי יעדע מצוה דארף מען דאך געדענקן די טעם, איבערהויפט אז די תורה זאגט דעם טעם, די תורה זאגט דאך כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, דארף מען זיך מתבונן זיין בבריאת העולם. און ווייטער אין פרשת ואתחנן שטייט וזכרת כי עבד היית במצרים, אז מען דארף געדענקן די ענין פון יציאת מצרים, וואס שבת קומט אויך פאר דעם, צו דערמאנען אידן אז אונז זענען אויסגעקליבן געווארן פון אלע פעלקער, און אויך ביי קידוש, אשר קדשנו במצותיו ורצה בנו, ווייל שבת האט מען למעשה געגעבן נאר פאר כלל ישראל, ולא נתת ה' אלקינו לגויי הארצות. און אזוי יעדע נקודה פון שבת. ווי מיר וועלן מער מבאר זיין קומענדיגע וואך בס"ד.

יוחאי פשט אזוי, דער אר"י הק' לערנט פשט דערין אנדערש, און איך לערן פשט אזוי, און ביידע סיי רבי שמעון בר יוחאי און סיי דער אר"י הק' זענען מסכים מיט מיין פשט, **"און טאמער גלייבט עטץ מיר נישט, פרעגטס דעם שווארצן יונגערמאן, ער האט אריינגעבליקט דורך די קלאמקע"...**

## אין הקב"ה מביא תקלה ע"י צדיקים

אין די יונגע יארן פון רבי יהודה צבי, איז געברענגט געווארן פאר אים א שאלה אויף א בהמה וועלכע מ'האט גע'שחט'ן ערב שבת, און ביים בודק זיין האט מען געפינען אין די בהמה א גרויסע נאדל. רבי יהודה צבי האט גלייך מתיר געווען דעם בהמה, און דאס פלייש איז צעשפרייט געווארן אין די גאנצע שטאט לכבוד שבת.

געציילטע שעה'ן שפעטער איז רבי יהודה צבי דערציטערט געווארן, זיך כאפענדיג נאכן אריינקלערן טיפער אין די שאלה, אז ער האט מתיר געווארן טריפות גמור, און האט געהאט גרויס צער, ווייל דאס מיינט אז די פלייש איז שוין געקאכט געווארן ביי פיל אידישע שטובער, און עס וועט ארויסקומען א גרויסע שאדן דערפון.

רבי יהודה צבי האט זיך בארעכנט אז בעפאר ער וועט אויפשטורעמען דעם שטאט איבער די טריפה'נע פלייש וואס ער האט מתיר געווען, וועט ער גיין איבערשמועסן די שאלה מיט זיין שווער, דער הייליגער עטרת צבי זי"ע.

אנקומענדיג צום שטוב פון זיין שווער דער עטרת צבי, איז ער געווארן אנטוישט זעהנדיג ווי זיין שווער האט שוין אנגעהויבן שמונה עשרה פון מנחה, וואס ווי באקאנט פלעגט דער עטרת צבי אנהויבן מנחה ערב שבת בעוד יום גדול, און ער האט מאריך געווען ביי דעם שמונה עשרה אזוי לאנג ווי צוויי דריי שעה.

באין ברירה האט רבי יהודה צבי געדארפט ווארטן, ווייל אן די הסכמה פונעם עטרת צבי האט ער גארנישט געוואלט טוען.

ווי נאר דער עטרת צבי האט אויסגעטערעט שמונה עשרה, וואס האט אויסגעזעהן פאר רבי יהודה צבי ווי א אייביגקייט, האט זיך די עטרת צבי אויסגעדרייט צו זיין איידעם רבי יהודה צבי, און זיך אנגערופן מיט א שמייכל "זארג דיר נישט, אין הימל האט מען געפסק'נט ווי דיר אז דער בהמה איז כשר". תיכף האט זיך רבי יהודה צבי בארואיגט, וויסענדיג אז זיין שווער האט דאס זיכער געזאגט מיט רוח הקודש.

שפעטער ביינאכט האט אבער צוריק אויפגעפלאמט די שאלה אין רבי יהודה צבי'ס קאפ, נישט קענענדיג האבן מנוחה טראכטענדיג ווי אזוי די שאלה קען האבן א צד היתה, און דאס האט נישט צורוה געלאזט דעם רבי יהודה צבי. דעם קומענדיגן אינדערפרי, האט רבי יהודה צבי געעפענט דעם פענסטער, און האט אביסל ארויסגעקוקט צו טעוואס בארואיגן זיין מח, ווען פלוצלינג האט ער געהערט ווי צוויי קינדער שפילן צווישן זיך, און איינער זאגט פארן אנדערן: "אבער דו האסט נישט געקענט טרעפן די שפילקע, איך האב דאס אזוי גוט באהאלטן".

האט דער חבר צוריק געזאגט: "אבער זאג מיר וואו האסטו דאס באהאלטן? אויף יענעם פלאץ אין די קישקעס פון די בהמה" - האט דער חבר געענטפערט.

ווען רבי יהודה צבי האט געהערט די שמועס פון די קינדער אויפן גאס, האט ער תיכף פארשטאנען אז אויף די בהמה האט ער גע'פסק'נט די שאלה, און נאכן פארשן די גאנצע מעשה ביי די קינדער איז אים קלאר געווארן אז די בהמה איז באמת יא כשר אן קיין שום ספק, און האט אפגעגעבן א שבח והודאה צום אייבערשטן וואס האט אים געפירט צו פסק'נען כדת וכדין.

## זיבעציג מאל גע'חזר'ט

רבי יהודה צבי מראזלא האט אמאל געזאגט אויף זיך: **"איידער איך בין געווארן א בעל הוראה, האב איך איבערגע'חזר'ט הלכות מליחה, בשר בחלב און תערובות, זיבעציג מאל"!**

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל



# הליכות הלוי

מנהגי והליכות כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע

**מאמר כ"ב**

המשך סימן ה'

**טהרת הטבילה במקוה**

להערות והוספות נא להתקשר עם מכון "עבודת הלוים" 718.451.8674 Ext. 847

**(המשך סעיף א') ומטהרו מכל זוהמת היצר הנמשך על האדם במשך היום [ב] מכעס (ב) ומדות רעות ג. ולכן יראה שלא יחסיר אפילו יום אחד מלטבול [ג].**

## מעיינות הלוי

**ג)** בספר אברך על תהלים מהגה"צ מבאלחוב זי"ע (בקונטרס מאיר לעולם עמ' סד, א) במכתב שם כתב וז"ל, והנזהר במקוה בכוונה, ממילא אין לו כעס, כי כעס עם הכולל מספרו מקוה ומספר קומה, עכ"ל.

ובספר מנורת זהב (פ' אחרי בשם ספר פתגמין קדישין) כתב, שמעתי מספרים בשם ר' זושא ז"ל נבג"מ שהוכיח את אדם אחד על שכעס בענין מצוה, וצוהו לילך למקוה וקור גדול היה.

## עבודת הלוי

(ב) פעם אחת הורה למי שנכשל במדת הכעס ח"ו, שיטבול אחר שכעס, כי הטבילה במקוה מועיל גם לטהר את הנפש מפגם הכעס.

## בארות הלוי

(המשך סעיף קטן א') וכאשר השתדך הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע עם הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, רצה רבי אייזיק'ל שיבואו לעשות את התנאים בזידיטשוב, לכן שלח לאמר להרה"ק מבעלזא כדברים האלה, בכל יום הנני עולה עד הרקיע הששי, ולרקיע השביעי איני יכול להגיע, כיון שאין ביכלתי לטבול במקוה מפני חולשתי, ואילו יכולתי לטבול במקוה הייתי מגיע בכח זה גם לרקיע השביעי.

אין לנו השגה במדרגות האלה, אבל אנו למדים מזה גודל הכח שיש בטבילה במקוה שמביא טהרה רבה לנפש האדם, וכמו שהצדיק זוכה לעלות על ידה לרקיע יותר גבוה, כן כל בר ישראל זוכה להתעלות על ידה למדרגה יותר גבוהה בתורה ועבודה (שיח"ק ח"ג עמ' עד).

פעם נפגש הרבי הק' מלובלין זי"ע עם כמה תלמידי חכמים שלא הלכו בדרך החסידות, ורצו לבחון אותו בקושיא חזקה לראות אם יוכל להשיב עליה, ושאלו לו את פירוש מאמר חז"ל (ויק"ר א, טו) 'כל תלמיד חכם שאין בו דעת, נבילה טובה הימנו', איך אפשר שנבילה תהא טובה מתלמיד חכם, כיון שאין בו דעת, וכי מה הוא אשם בזה שאין לו דעת.

ופירש להם בזה פירוש נפלא, כי חז"ל (שבת לא, א) אמרו, על הפסוק (ישעיה לג, ו) 'והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת דעת', ו'דעת' זה סדר טהרות. ועל זה אמרו, כל תלמיד חכם שאין בו דעת, היינו שאינו עוסק בסדר טהרות, שאינו נזהר לטבול במקוה טהרה, לטהר את עצמו מטומאת הגוף, אזי נבילה טובה הימנו, כי טומאת נבילה היא אב הטומאה, והנוגע בה נעשה ראשון לטומאה, משא"כ אדם שלא טבל מטומאת הגוף, אפשר שיהיה אבי אבות הטומאה (עי' ויקרא טו, ה), לכן נבילה טובה הימנה.

וזה פירוש נפלא ומלמד לנו מוסר גדול, עד כמה צריכים להיזהר בטבילה במקוה, כמו שהנהיג הבעש"ט הק' לטבול במקוה בכל יום, כדי להיטהר מכל ספק טומאה, ולהיטהר מכל זוהמת היצר הנמשכת על האדם במשך היום, על ידי כעס ומדות רעות (שיח"ק ח"ג עמ' תג).

כבר אמרו צדיקים כי מעת שירד הבעש"ט לעולם, והנהיג ענין הטבילה במקוה בכל יום, נחלש כח המכשפים והכשפים, כי הטהרה במקוה מבטלת את כל כוחות הטומאה. וצדיקים רמזו ענין זה, במה שאמרו בגמרא (סנהדרין סז, ב) שהכשפים אינם שולטים במים. וזהו הטעם בכלל מה שהטבילה במקוה מגרשת את הטומאה השורה על האדם, כי כח הקליפה אין לה שליטה במקום שיש טהרה במים (שיח"ק ח"ג עמ' תסג).

הבעש"ט הק' הרבה לעורר בענין זה, להיזהר מאוד בענין נטילת ידים, וכן בענין טהרת המקוה, והוא הנהיג ותיקן לטבול במקוה בכל יום, ואמר שהטבילה כל יום מועילה לטהר את האדם כמו תענית. הוא החזיר ויסד את מצות טהרת המקוה, ואמר שאחד מעיקרי היסודות שעל ידם יוכל האדם לדבק נפשו בה', הוא על ידי שיזהר בטבילה במקוה טהרה כל יום.

פעם אחת סיפר לתלמידיו בשמחה גדולה, כי עלה לו לפעול בשמים, כי מעתה מי שיזהר לטבול בכל יום במקוה, תיחשב לו טבילתו כאילו התענה באותו יום, ושמח הבעש"ט מאוד על שזכה לפעול דבר זה, כי על ידי זה יוכלו לקיים ענין התעניות, אף בזמן הזה בדורות החלשים. והבעש"ט הק' עצמו מסר נפשו על הטבילה במקוה, ופעם אחת ירד מהר גבוה לתוך גיא עמוק כדי לטבול בו.

פעם אחת יצא הבעש"ט הק' עם הסופר סת"ם שלו לשדה, כדי ללמדו שם כוונות כתיבת ספרים תפילין ומזוזות, ותלמידו רבי זאב וואלף קיצעס ז"ל הסתתר בשדה כדי לראות מעשיהם, וראה כי הבעש"ט ברא שם מקוה טהרה וטבלו שם בקביעות, וכך ישבו שם כמה ימים ולמדו את כוונות הכתיבה (דבר"ק ח"א עמ' רע"ו, שיח"ק ח"ב עמ' תל"ג).

במכתב"ק (מכתב קנג) כותב, כידוע גודל מעלת טבילת המקוה בכל יום מפי ספרים וסופרים, ומשמיה דמרן אור שבעת הימים הבעש"ט הק' מתאמרא שהטבילה במקוה בכל יום חשוב מאוד למעלה ומכפר על האדם כמו תענית, ע"כ.

הרה"ק ר' שלמה מזוויהיל זי"ע - צדיק זה נודע לאיש פלא, פעל ישועות נפלאות לבני ישראל - כאשר באו להתייעץ אתו באיזה ענין, או להזכיר לפני דבר ישועה, צוה לגבאי שלו לרשום את הדברים על נייר, ובעת שטבל במקוה, קרא הגבאי לפניו את כל הבקשות, והוא השיב תשובה על כל דבר כדת מה לעשות. וזה ענין נפלא, שבעמדו בתוך מי הטהרה השיג מהשמים תשובה לכל ענין, וגם המשיך אז ישועה לכל הנצרך.

ויש ללמוד מזה מוסר גדול, בגודל העת רצון של

וכל שכן בזמן שיש חיוב טבילה מצד הדין להרבה פוסקים ד), שיש להחמיר בזה מאוד.

## מעיינות הלוי

**ד)** כתב בשערי המצוות (פרשת תצא ד"ה ענין הטבילה), ענין הטבילה הנזכר בגמ' (ברכות כב, א) ראיתי למורי ז"ל מקפיד בכל כוחו ונזהר לקיימה, ואף שהיה בגופו חולי קשה הנקרא שבירה ר"ל שנקרע הכרס ויוצאים בני מעיים, והטבילה מזקת מאוד לחולי זה עכ"ז לא היה מבטלה כלל עכ"ל.

ובספר מאור ושמש (ריש פ' אמור) כתב, דכשלומד ומתפלל ואינו נזהר בטבילה זו, אי אפשר בשום אופן להגיע לגופי תורה ומצוה, ואם הוא לומד ספרי קבלה והוא בלתי טהור יכול לבוא עי"ז לידי אפיקורסות וכו', והכת ש"ץ ימ"ש וכו', ומזה נעשו אפיקורסים שלמדו ספרי קבלה בטומאת הגוף, והיה העולם שמם, עד שבאו שני המאורות הגדולים לעולם, הבעש"ט הק' ואדמו"ר הרב רבינו אלימלך נבג"מ, והם פתחו שער לה' צדיקים יבואו בו שלא יהרהר אדם שום הרהור תורה עד שיטבול עצמו לקרויו, שחכמי הגמ' לא בטלוה אלא מפני שאין רוב ציבור יכולין לעמוד בה, אבל אותן אנשים הרוצים להשיג גופי תורה ומצוות, צריכין להיות נזהרין מאוד בטבילה זו, עכ"ל.

והרה"ק מקאמארנא זי"ע כתב בכמה מקומות בחיבוריו הק' בגודל נחיצותו, בשלחן הטהור (סי' פח ס"ב) כתב, בעל קרי אסור בכל דבר קדושה זהו מתקנת עזרא, אבל מצוה לטבול וליזהר שלא יאמר דבר קדושה בעוד טומאתו עליו, אם לא מאונס ודוחק גדול, כך פסק מרן האר"י. ומרן הבעש"ט הזהיר מאוד אף באונס ודוחק שיטבול בהכרח פ"א. ואם הוא במקום שלא נמצא מקוה באין פנים, תיקן מרן הריב"ש זלה"ה רחיצה לרחוץ עשרים רחיצות, ולכוין כל אות כסדרן יו"ד וכו'.

ובספרו מעשה אורג (ברכות פ"ג מ"ד) כתב, עזרא תיקן טבילה, שראה ברוח קדשו שיתבטל בגלות כל דיני טומאה וטהרות, וטהרה הוא ענין גדול לאנשי צורה זכי הנפש, שכמעט שנעשים בריה חדשה, ומתחדש לו מוחין חדשים, והארה יתירה בטבילה וטהרה וכו', כדי שיהיה הטבילה מצויה, ולא ישתכח תורה טהרה וטבילה מישראל, וגם שיהיו ישראל קדושים ופרושים בקדושה.

ובספרו אוצר החיים (ויקרא דף קכא ע"א מצוה קעז) כתב, שיטבול הטמא במי מקוה, אין הכוונה במצוה זאת שיהיה חיוב על הטמא שיטבול כמו סוכה לולב תפילין, אלא מי שירצה ליטהר מטומאתו צריך להתנהג בדרך הטהרה הזאת וכו'. ומכל מקום אין זה מדת חסידות, כי הטומאה מאוסה, וטהרה אהובה, ונפשו של אדם מתעלה ע"י טהרת המקוה, ולכן נוהג מצוה זאת בכל מקום ובכל זמן אף שאין אפר פרה, שמצוה על כל טמא אם ירצה להיות טהור שיטבול במקוה, וכל הטובל במקוה מטומאתו אף בזמן הזה, מקיים מצות עשה מרמ"ח מצות, ונפשו מזדככת כדברי רבינו הק' בעל החינוך. ושרשי המצוה יעוין בדברי מרן אלקי הבעש"ט ודברי מרן אלקי האר"י זי"ע והספרים פתוחים, כי כוונת המקוה הוא בגבהי מרומים אשרי היודעים והזוכים אליה.

ובספרו זהר חי (ח"א דף ז' ע"ב) כתב, וגם שורש אל השגה, טהרה וטבילה, וכו', שאי אפשר לו לדבר שום דיבור בדביקות אמת, ומכל שכן לייחד שום יחוד בשום אופן עד שיטבול, ויכוין בארבעים סאה בארבע יודין וכו', וטבילה הוא עיקר להשגה, להטביל בכל עת ובכל יום להמתיק הדינים להמשיך מוחין צלולים ומאירים וזכים וכו', ויזהר הרבה בטבילה, ואין לך מונע לטעום אור התורה וחיות אלהות אלא מניעות הטבילה, רז"ל אמרו ג"כ שצריך לטבול אחר מקרה לילה ר"ל, וטבילה זו לא נתבטלה מבני ישראל הק'.

ובנו הרה"ק מוהרא"צ זי"ע כתב וז"ל, כתב אאמו"ר בספרו זוהר חי (ח"א דף ז' ע"ב) אפילו בזמן הזה אסור לאדם להתפלל ולומר דברי תורה עד שיטבול, כי כבר קבלוה בעלי נפש לחובה ויכולין לעמוד בהם, ומי שאינו טובל נחשב כבהמה וכתרנגול שאין בהם דעת והרגשות חיות אלקות עיי"ש. ובפרט עתה בדורנו שלא נמצא שום ישוב כשיש שם עשרה ישראלים שלא יהיה להם מקוה, ובאיזה מקומות מחממים את מקוה ישראל, לזה נחשב עתה שיכולין הציבור לעמוד במקוה כשירה ולטבול בהם, עבור זה הדר קבלוהו עתה בימינו טבילת ישראל, ונעשה חובה לכל הטבילות שצריכין לטבול וכו', וכך קיבלתי מאאמו"ר זלהה"ה, והוא קיבל מרבו רבינו צבי דודו מזידיטשוב, ורבו מרבו עד הבעש"ט זלה"ה וכו'.

## בארות הלוי

שעת הטבילה במקוה. ומפני גודל הזמן הזה נהג הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע לומר תהלים ולעסוק בספר הזוהר בעמדו בתוך מי הטבילה, וכן נהג הבעש"ט הק' זי"ע (שיח"ק ח"ג עמ' רצה).

בשם הבעש"ט הק' ידוע הדבר שאותיות מקו"ה הם האותיות של 'קומ"ה עזרתה לנו', שעל ידי טבילה במקוה יכולים לזכות לעזרת ה' (וראה בספר דגל מחנה אפרים פר' תזריע) (רשימות תלמידים).

עוד אבקש מכם, שתטהרו בכל יום ויום במקוה, להטהר ולהתקדש לפניו יתברך, ויהיה לפניכם מאמרם ז"ל (יומא פה, ב) אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין, ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים, שנאמר (יחזקאל לו, כה) 'וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם', ואומר (ירמיה יד,ח) 'מקוה ישראל' וכו', וסיפיה דקרא (שם) 'מושיעו בעת צרה', כי על ידי טהרתנו במקוה כראוי נוושע מכל צרה וצוקה, ועל כן לא יעבור עליכם יום בלי להיטהר במקוה (מכתבי קודש, מכתב יח).

**[ב]** בקומו בבוקר יקבל על עצמו להתנהג בסדר קבוע כל היום, תחלה יטבול במקוה, שהמקוה מנקה את האדם מהגשמיות, ומטהרתו מכל זוהמא וטומאה שנדבק בו ונשאר עליו מהיום הקודם, או על ידי דיבורים מיותרים ואסורים, או על ידי כעס והקפדה שבזה מבריח האדם את הקדושה ממנו, מכולם נטהר על ידי הטבילה במקוה, אחר כך ילך לביהמ"ד ויברך ברכת התורה בכוונה ובשמחה, ויקרא תיכף קריאת שמע (שיח"ק ח"א עמ' יז).

ווען מ'שטייט אויף צופרי, זאלט עטץ שטארק נזהר זיין צו גיין יעדן טאג אין מקוה חק ולא יעבור, די ערשטע זאך פונעם טאג זאל זיין די מקוה, די מקוה האט א געוואלדיגע כח מטהר צו זיין דעם מענטש פון אלע זוהמות און מחשבות חיצונית, פון אלע תאות און עבירות חלילה, מ'ווערט ממש א בריה חדשה. דער בעש"ט הקדוש האט פאר ארבעט מעשים וועגן דעם ענין פון מקוה, ער האט געזאגט: איך האב גע'פועל'ט ביים אייבערשטן אז איינער וואס גייט יעדן טאג אין מקוה, ווערט עס גערעכנט ווי ער האט געפאסט יענעם טאג.

אלע תלמידים ברענגען דאס נאך, און זיי ברענגען אז דער בעש"ט הקדוש האט געהאט א געוואלדיגע שמחה פון דעם אז ער האט דאס גע'פועל'ט, ווייל אזוי קען א מענטש זיין א גאנץ לעבן אין די בחינה פון א תענית, און מ'וועט שוין נישט דארפן פאסטן קיין איבריגע תעניתים, וואס דאס שוואכט אפ דעם מענטש און שטערט שטארק פון עבודת ה' (אמר"ק ח"ב עמ' קצו, דבר"ק ח"א עמ' רע"ו).

**[ג]** מען דארף זייער נזהר זיין אין די טבילה במקוה, אפילו ס'דאכט זיך אמאל פאר א מענטש, אז היינט דארף ער נישט קיין מקוה, טאר מען דאס נישט אויסלאזן, מ'דארף וויסן אז ס'איז א גרויסער חילוק, די טהרה וואס ווערט אונטערן וואסער איז א געוואלדיגע זאך, אפילו מ'שפירט נישט, ס'איז א גרויסע נפקא מינה לגבי יעדע זאך צו מ'איז געווען דעמאלטס טאג אין מקוה צו נישט, אן א מקוה איז גאר אנדערש די זאך, ס'מאכט זיך אמאל אן אויסנאם, א מענטש שפירט זיך נישט גוט, ער קען נישט גיין, אבער ער זאל וויסן אז ער מוז עס האבן, אזוי ווי ער קען נישט אנגיין אן קיין שלאף, אזוי קען ער נישט אנגיין אן קיין טבילת המקוה (שפתי קודש עמ' קלז).

במכת"ק (מכתב ה') לפני הימים נוראים, ביקש וז"ל, ותקבלו נא על עצמיכם בימים הק' הללו למען ה' לא להחסיר, חוץ באונס גמור, מלילך למקוה בכל יום, ע"כ.

פאר יעדע מצוה מוז זיין קדושה וטהרה, מיט דעם מאכט מען א כלי פאר די מצוה, פארדעם יעדן טאג פאר מ'שטעלט זיך דאווענען, דארף מען גיין אין מקוה, די מקוה איז א געוואלדיגער כח וואס איז משפיע טהרה אויפן מענטש. בזמן המקדש, נאך די טהרה פון אפר פרה האט נאך געדארפט זיין א טבילה במקוה אויך וכו'.

היינט האבן מיר נישט קיין מי חטאת, אבער די מקוה האבן מיר נאך היינט אזוי ווי בזמן המקדש, דאס איז מכפר און מטהר דעם מענטש פון אלע זוהמות וואס זאמלען זיך אן אויף אים (שפתי קודש פרשת במדבר אות ד').

# אבותינו ספרו לנו

**זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק זי"ע**

## הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א (ה)

**ר"מ בישיבתינו הק' רבות בשנים ומחשובי תושבי קריתינו הקדושה**

### פאסטן שלש עשרה מידות א גאנצן טאג

רעדנדיג פון דעם אז דער רבי האט צומאל געדאוונט מנחה זייער שפעט, געדענק איך אויך איין יאר ראש השנה ביי מנחה איז דער רבי אריינגעקומען זייער שפעט, ממש א צוואנציג מינוט פאר'ן זמן צאת הכוכבים. איינער איז צוגעגאנגען צום עמוד, אבער דער רבי האט אים אוועקגעשיקט, און ער איז אליין צוגעגאנגען צום עמוד, כאטש געווענליך האט דער רבי נישט געדאוונט מנחה ראש השנה פארן עמוד.

איך האב פארשטאנען כוונתו בקודש אז ער האט נישט געוואלט אז דער בעל תפילה זאל וועגן אים זאגן היכע שמונה עשרה נאכן זמן, איז ער אליין צוגעגאנגען, און פאר זיך אליין האט ער שוין גענומען אחריות.

אגב, איין ראש השנה אין די פריערדיגע יארן איז געווען א גאנצע מערכה מיטן עסן פאר תקיעת שופר. עס זענען געווען אזעלכע וואס זענען געגאנגען און געמאכט קידוש פאר תקיעת שופר. עס איז שוין געווען גאנץ שפעט, און זיי האבן געפילט אז זיי דארפן קידוש מאכן כדי צו קענען דאווענען ווייטער מיט כוונה. זעט אויס אז עס איז געווארן א גאנצע טומל, עס זענען געווען מערערע וואס האבן עס געטון ברבים, און עס איז אנגעקומען צום רבי'ן אז אידן האבן קידוש געמאכט און געגעסן פאר תקיעת שופר.

עס האט דעם רבי'ן זייער וויי געטון. ער האט זיך אויפגעשטעלט און ער האט פארלאנגט אז די אלע אידן - אדער אפשר יעדער וואס איז געווען אין ביהמ"ד - זאלן פאסטן ביום שלש עשרה מידות, א טאג פאר ערב יום כיפור, וואס אונזער מנהג איז צו פאסטן ביז נאך חצות היום, אז דעם יאר זאל יעדער פאסטן ביז נאכט, אלס א קנס פארן עסן פאר תקיעת שופר. אזוי הארב איז עס געווען ביים אים, און עס איז אונז טאקע אריין אין די ביינער אז פאר אזא הייליגן זמן פון תקיעת שופר עסט מען נישט, נאר מען גרייט זיך צו בדחילו ורחימו צו דעם געהויבענעם זמן.

> **אבער דער רבי האט געענטפערט מיט מורא'דיגע ווערטער "ווער ס'דאווענט מיט אונז איז ממילא געבענטשט..."**

### ווער ס'דאווענט מיט אונז איז ממילא געבענטשט

איינמאל בין איך אריינגעגאנגען צום רבי'ן ראש השנה בעטן אז דער רבי זאל מיר בענטשן, אבער דער רבי האט געענטפערט

---

**אויב האט איר א מעשה צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעועכ"י**

אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן

ביטע לאזט א מעסידש אויף קול איחוד טאהש

**718-451-8674**

**און דרוקט 842**

מיט מורא'דיגע ווערטער "ווער ס'דאווענט מיט אונז איז ממילא געבענטשט..."

אבער יום הקדוש האט ער יא געקענט בענטשן די וואס זענען געקומען. דאס איז געווען ליל יום הקדוש, נאך שיר היחוד, האט דער רבי פארגעלערנט משניות מסכת יומא. דער רבי איז געשטאנען מיטן טלית און ער האט פארגעלערנט די גאנצע מסכתא מיטן פירוש ברטנורא, עס האט געקענט נעמען ארום צוויי שעה. מען האט געענדיגט די תפילות ליל יום הקדוש ארום צוועלף אזייגער, און משניות האט זיך געצויגן ביז צוויי אזייגער פארטאגס.

דאס האט געמיינט אז עס איז געבליבן גאר א קליינער ציבור מיטהאלטן די משניות, און נאכן לערנען האט זיך געקענט מאכן אז מען איז אדורכגעגאנגען און דער רבי האט געבענטשט די בחורים וואס זענען דארט געווען. נאכדעם פלעגט זיך דער רבי אראפלייגן אין ביהמ"ד, כמבואר אין שו"ע, ביז פיר אזייגער. האלב פינף האט מען שוין אנגעהויבן צו זאגן תהלים כהכנה צום דאווענען. דאס איז געווען דער סדר הלילה פון די הייליגע נאכט.

אגב, דער רבי האט אויף יום כיפור נישט אנגעטון קיין פאפוטשן אדער אנדערע באקוועמע שוך וואס זענען אויסגעהאלטן פאר יום כיפור, נאר ער האט ארומגעוויקלט זיינע פוס מיט שטרוי און ארומגעבונדן מיט א בענדל. דאס איז געווען אין די זעלבע צייט וואס דער רבי איז געשטאנען במשך אלע תפילות, אפילו ווען ער האט נישט געדאווענט פארן עמוד, כמעט דעם גאנצן מעת לעת אויף די פוס.

דער רבי האט זיך אויך געשטעלט אויף דעם אז די בחורים זאלן שטיין בשעת'ן דאווענען, ער אליין איז געשטאנען אייביג ווען ער האט געדאווענט, סיי אינדערוואכן, און סיי שבתים וימים טובים. נישט ווייל מען מוז עפ"י הלכה, אבער די הנהגה איז געווען אז מען שטייט, וויבאלד ווען מען זיצט שלאפט מען איין, און דער רבי האט שטארק פארלאנגט אז מען זאל דאווענען מיט חיות און א ברען.

## פורים און שמחת תורה – די געהויבענע ריקודין

אין דעם פרייליכן יו"ט פורים איז אין אנהייב געווען צייטן ווען דער רבי האט געפירט צוויי טישן; איינס איז געווען מער אינדערפרי, און די אנדערע איז געווען נאכמיטאג מער ביינאכט, וואס דאן איז געווען דער "משתה היין" טיש. מען האט דעמאלטס נאכנישט געזינגען די אלע פיוטים און פזמונים וואס מען האט שפעטער איינגעפירט.

ווען איך בין געווען דאס ערשטע מאל פורים אין טאהש, בשנת תשל"ג, האב איך צום ערשטן מאל מיטגעהאלטן דער טאנץ פון תמחה את זכר עמלק. ווען איך האב געזען דעם טאנץ, האט עס מיר זייער איבערגענומען. איינער פון די אידן דארט, זעענדיג אז איך בין אזוי מרוגש, האט ער זיך אנגערופן צו מיר "ס'איז נאך נישט קיין 'מֵעֵין' קעגן שמחת תורה..." דאס האט געמאכט אז אויפן קומענדיגן סוכות, שמחת תורה תשל"ד, בין איך געקומען קיין טאהש אויף די צווייטע טעג סוכות.

יענע צייט האט דער רבי געלאזט שרייבן א ספר תורה. איך געדענק ווי דער רבי האט זיך כסדר משתעשע געווען מיט די פארטיגע יריעות. דער סופר האט עס געברענגט בערך ווען דער רבי איז געקומען צום דאווענען, און די בחורים האבן געקענט מיטהאלטן וויאזוי דער רבי באטראכט עס מיט הנאה.

יענעם יאר שמיני עצרת ביינאכט נאך די הקפות האט דער רבי אויך אריינגעגעבן זיין אייגענע ספר תורה מיט א מורא'דיגע התרגשות, און טאקע זינט דאן בין איך כסדר דא געווען, מיטצוהאלטן די הייליגע צווייטע טעג סוכות אין טאהש.

## "איך פאר נישט וועגן ביטול תורה"

אין יענע יארן איז דער רבי כמעט נישט געפארן צו קברי צדיקים קיין אייראפע. אויף כ"ח סיון תשל"ט איז דער רבי יא געפארן קיין טאהש אין אונגארן צום ציון המצוינת פונעם הייליגן שרף זי"ע, אבער ער האט שטארק מקפיד געווען אז עס זאל נאר מיטקומען א מנין מצומצם. פארשטייט זיך אז נאך אידן האבן געטראפן זייער וועג אהין, אבער זיי האבן געמוזט פארן מיט אנדערע וועגן אז דער רבי זאל זיי נישט זען, וויבאלד יעדער האט געוואוסט פון די קפידא אז דער רבי וויל נישט אז מען זאל מיטקומען.

דער רבי אליין האט כמה פעמים געזאגט "איך האב זייער חשק צו גיין צום ציון פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע, מיינע זיידעס זענען געפארן. פארוואס גיי איך נישט? איך פאר נישט וועגן ביטול תורה. ווען איך פאר, וועט דאך יעדער נאכפארן, און דאס וועט מאכן אסאך ביטול תורה, ממילא פאר איך אליין אויך נישט..." דאס האט ער כמה פעמים געזאגט ווען ער האט גערעדט ביים יארצייט פונעם רבי ר' אלימלך אדער כ"ח סיון.

ואגב, דער רבי האט אויך נישט געהאלטן פון די פארערייי וואס טוט זיך היינט אפ ביי די מקומות הקדושים. ווען מען האט אים געפרעגט צי מען זאל פארן, האט ער אייביג געזאגט אז מען דארף גיין צו א ציון און אויסזאגן דארט תהלים, זיין א לענגערע צייט און אריינעמען א שייכות מיטן צדיק. נישט אז מען איז דארט, מען זאגט עטליכע קאפיטלעך, צי אפילו א גאנצן ספר, און געגאנגען ווייטער.

"ווען איר זאלט וויסן וואספארא הנאה דער רבונו של עולם האט ווען א איד עסט פיש שבת און יו"ט, וואלט איר קיינמאל אזא נדר נישט געמאכט..."

## "ביי מיר וואלטן געדארפט דאווענען ווייסע בעקיטשעס"

איינמאל איז מיר אויסגעקומען אז איך בין אריינגעגאנגען צום רבי'ן און איך האב איבערגעשמועסט א פערזענליכן ענין. דער רבי האט מיר אנגעוויזן אז איך זאל מוותר זיין אויף א געוויסע נושא, און ער האט מיר אראפגעלייגט וואס דאס מיינט מוותר זיין, און ער האט מיר געזאגט בלשונו הקדוש "איך דאווען מיט די בחורים, איך לאז מיר אראפ צו די בחורים. ביי מיר וואלטן געדארפט דאווענען ווייסע בעקיטשעס... און אויב איך וואלט דווקא געוואלט וואלט איך געקענט דינגען אינגעלייט צו דאווענען מיט מיר..."

און דער רבי האט ממשיך געווען "נו, פארוואס דאווען איך מיט די בחורים? איך לאז מיר אראפ צו די בחורים, זיי ווייסן נאכנישט וויאזוי מ'דארף דאווענען, א בחור פארשטייט נישט וויאזוי צו דאווענען, מ'דארף קענען דולדן בחורים, און איך לאז מיך אראפ צו די בחורים און איך בין מוותר..."

## ווען מען איז מהנה דעם רבוש"ע דארף מען אוודאי געהאלפן ווערן

ס'איז געווען איין יאר פסח ביים סדר, ווען דער בחור וואס האט משמש געווען ביים רבי'ן האט גע'גנב'עט דעם אפיקומן, און ער האט עס נישט געוואלט צוריקגעבן ביז דער רבי וועט אים מבטיח זיין אז ער וועט א חתן ווערן בקרוב, איך געדענק נישט פונקטליך דעם זמן וואס ער האט געוואלט.

דער רבי האט אים נישט געוואלט מבטיח זיין, און עס האט זיך אזוי געצויגן אויף א לענגערע צייט. זענדיג אז עס ווערט שפעט, האט דער רבי פארציילט א מעשה. דער רבי האט אים אנגעהויבן זאגן "איך בין געווען ביים סאטמארער רבי'ן (עס איז נאך געווען בחיים חיותו פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע) און איך האב אים געוואלט אזוי אויפלעבן, האב איך אים געזאגט אז איך האב געהערט מפה קדשו פונעם זיידן זכרונו לברכה (הסב"ק זי"ע) וואס ער האט געזאגט "מ'האמיר גע'פועל'ט אין הימל אז ווער ס'איז אונז מהנה מוז ביי אונז געהאלפן ווערן" האב איך געזאגט פאר'ן סאטמארער רבי'ן אז כל שכן ווער עס איז מהנה דעם רבונו של עולם דארף אוודאי געהאלפן ווערן..."

"האט מיר דער סאטמארער רבי געפרעגט "נו, וויאזוי איז מען מהנה דעם רבונו של עולם?" האב איך מיך אנגערופן "וועגן דעם בין איך דאך געקומען..."

און דער רבי האט אויסגעפירט "אז מ'וועט צוריקגעגעבן דעם אפיקומן, וועט מען דאך אוודאי מהנה זיין דעם רבונו של עולם מיט דעם אז מען וועט קענען גיין ווייטער מיט'ן סדר. און מיט דעם זכות אז מ'האט מהנה געווען דעם אויבערשטן וועט מען אוודאי געהאלפן ווערן..." און דער בחור האט טאקע צוריקגעגעבן דעם אפיקומן.

## ווען ער זאל וויסן וואספארא הנאה דער רבוש"ע האט ווען א איד עסט פיש

איך געדענק איינמאל ווען א געוויסער חשוב'ער איד, א בנש"ק, איז געקומען צום טיש חול המועד פסח. דער רבי האט געהייסן אים געבן א פארציע פיש, אבער ער האט עס נישט געגעסן. ווען דער רבי האט באמערקט אז ער עסט עס נישט, האט אים דער רבי געפרעגט "פארוואס עסטו נישט?" האט ער געזאגט "ביי אונז עסט מען נישט קיין פיש פסח" אזוי'ווי עס איז איינגעפירט ביי אסאך משפחות.

האט דער רבי אים געזאגט אז ער זאל יא עסן פון היינט און ווייטער. דער איד האט אבער חושש געווען אז א הנהגה טובה וואס מען האט זיך געפירט א שטיק צייט באקומט א דין פון א נדר, האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז ער וויל אז דער רבי זאל אים מתיר נדר זיין. ער האט זיך געגעבן א רוף אן אז דער רבי זאל אים געבן א פתח חרטה אויף דעם.

דער רבי האט געטראכט א מינוט, און נאכדעם האט ער געגעבן א זאג "ווען איר זאלט וויסן וואספארא הנאה דער רבונו של עולם האט ווען א איד עסט פיש שבת און יו"ט, וואלט איר קיינמאל אזא נדר נישט געמאכט..." דאס האט דער רבי גענוצט אלס פתח חרטה, און ער האט אים מתיר געווען דעם הנהגה און דער איד האט געגעסן די פיש.

המשך יבא בעז"ה





# באור השיחות

ליקוט בקצרה מגדולת הצדיקים אשר יומדה"ל חל בימים האלו
מתוך ספרי הקדושים עבודת עבודה שיחות קודש ג"כ

ז' חשון

## הרה"ק ר' יהודה צבי (מראזלא) ב"ר משה (מסאמבור) זי"ע

### מדרגתו

הוא היה איש קדוש ובעל מוח גדול מארי דרזין,

### בסוד תורה הבהיר

ער האט משמש געווען זיין גרויסער שווער (און פעטער) הרה"ק ר' הערשעלע זידיטשובער זי"ע, און ער האט מקבל געווען הויפענעס מיט תורה און יראת שמים, ער האט אמאל מעיד געווען, אז עס איז נישט דא קיין איין פסוק אין תנ"ך וואס זיין שווער האט נישט מגלה געווען סודות התורה.

(שיח"ק ח"א כ"ב)

### ברכת צדיק

ער האט זיך אמאל אנגעטראפן אלס יונגערמאן מיט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, און ראפשיצער רב האט גלייך באמערקט אז דאס איז א גרויסער איד, האט ער אים געזאגט, דו גייסט דאך אמאל נאך זיין א גרויסער רבי און דו גייסט בענטשן אידן, איז בענטש מיך יעצט דער ערשטער, און ראזלא רב זייענדיג נאך אן יונגערמאן האט ער זיך געשעמט צו בענטשן דעם ראפשיצער רב, האט ער דאס אפגעזאגט, האט אים ראפשיצער רב געזאגט אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן האט אים דער הייליגער בארדיטשובער אנגעטראפן און ער האט מיך געזאגט די זעלבע זאך און איך האב דאס אפגעזאגט, און למעשה יעצט האב איך חרטה אויף דעם אז איך האב נישט געבענטשט, דו זאלסט זעהן נישט צו חרטה האבן אזוי ווי מיר, און דעמאלס האט אים ראזלא רב געבענטשט מיטביידע הענט.

(שיח"ק ח"ג י"ד)

ט' חשון

## הרה"ק ר' אברהם משה (מפשעווארסק) ב"ר צבי הירש זי"ע

### כאלו אמרם דוד

די צייט ווען הרה"ק דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע איז געגאנגען גלות ליידן איז ער אמאל אנגעקומען צו די שטאט פשעווארסק שפעט אינמיטן די נאכט, און ער איז ארומגעגאנגען די גאנצע שטאט זוכן וואו ער קען איינשטיין, האט ער געזעהן אז אין ר' משה פשעווארסקער'ס (הראשון) הויז ברענט א לעכטל, האט ער אריינגעקלאפט און ר' משה האט געעפענט און אים אריינגענומען און שיין מכבד געווען און ער האט אים געגעבן זיין בעט צו שלאפן וויבאלד ער איז שוין אויפגעשטאנען ביי חצות הלילה, און היות עס איז געווען טינקל האט ר' משה נישט באמערקט ווער דער ארימאן איז.

דער רבי ר' אלימלך איז זיך געגאנגען לייגן, און ר' משה איז געגאנגען ווייטער צו זיין עבודת הקודש בתורה ועבודה, און נאכדעם האט ר' משה זיך גענומען זאגן תהלים, דעמאלס איז די רבי ר' אלימלך ארויסגעשפרינגען פון בעט און זיך געשטעלט נעבן ר' משה און זיך גענומען מיטזאגן תהלים, האט ר' משה זיך אנגערופן צו אים, דו ביזט דאך אפגעמוטשעט פון די וועג פארוואס גייסטו נישט צוריק שלאפן, איז ר' אלימלך צוריק געגאנגען אין בעט, אבער גלייך דערנאך איז ער נאכאמאל צוריק געקומען, האט אים ר' משה געפרעגט פארוואס ער קומט ארויס, איך האב דיך שוין געבעטן אז דו זאלסט זיך גיין גוט אויסרועהן, האט אים ר' אלימלך געענטפערט, ווי קען איך ליגן אין בעט ווען דוד המלך שטייט דא נעבן דיך בשעת דו זאגסט תהלים, האט ר' משה זיך געוואונדערט ווער איז דאס וואס איז זוכה צו זעהן דוד המלך, און דעמאלס האט ער אים דערקענט אז דאס איז דער רבי ר' אלימלך מליזענסק.

(שיח"ק ח"ב י"ט)

י"א חשון

## הרה"ק ר' אברהם (מסלאנים) ב"ר יצחק מתתיהו זי"ע

### ספרו הקדוש

איך עצה מען זאל אסאך לערנען אינעם ספר הקדוש "יסוד העבודה" ווייל דארט איז מבואר בטוב טעם ודעת די גאנצע ענין פון לערנען תורה לשמה, און דורכ'ן לערנען דעם ספר וועלן ענק זוכה זיין צו לערנען די תורה הקדושה ווי עס דארף צו זיין.

(שיח"ק ח"א כ"ח)

י"א חשון

## הרה"ק ר' מנחם נחום (מטשערנאביל) ב"ר צבי זי"ע בעל מאור עינים

### בא מעולם העליון

הרה"ק ר' ארי' לייב פון סאדילקוב זי"ע א זון פון ר' אברהם פון קאריסטשוב וואס איז געווען אן איידעם ביים מאור עינים, ער האט איינמאל אנגעפאנגען א נייע עבודה פון פאסטן משבת לשבת אזוי ווי אסאך גרויסע צדיקים, ער האט עס געטון איין וואך און אלעס איז אדורך בשלום, אבער די צווייטע וואך שבת קודש ווען ער האט אויסגעטרינקן די וויין פון קידוש, האט ער זיך דערשטיקט אויף די וויין און ער האט גע'חלש'ט, און ער איז געווען אין א גרויסער סכנה, נאך א שטיק צייט אזוי ליגן, האט ער פלוצלינג געעפנט די אויגן, און זיין מצב איז בעסער געווארן, און ער האט דערציילט אז די זיידע דער מאור עינים איז געקומען מעולם העליון און אים געראטעוועט און אויסגעהיילט און ער האט אים געזאגט אז ער זאל אויפהערן צו פאסטן משבת לשבת, נאר ער זאל ענדערש אויסזאגן ספר תהלים דריי מאל א טאג און דאס איז גערעכנט כאילו ער פאסט משבת לשבת. (שיח"ק ח"ג רע"ז)

# אור לישרים

**זכרונות מאנשי שלומינו שהלכו לעולמם**

## הרה"ח ר' הערש לייב ווייבערגער ז"ל (א)

### מהיושבים ראשונים במלכות
### ומפארי וישישי תושבי קריתינו הקדושה

**ט"ז חשון תשפ"ז**

**אסאך קען געשריבן ווערן איבער ר' הערש לייב ז"ל, ר' הערש לייב קען ריכטיג בא'טיטעל'ט ווערן אלס אן איש תם וישר, ותיק וחסיד, ירא ושלם, א ריכטיגע רודף צדקה וחסד, אנגעהויבן פון זיינע פולע לייסטונגען למען הכלל והפרט לכל קדשי קהילתנו זייענדיג די סאמע ערשטע חסיד מקבל מרות צו זיין פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע נאך עלי אדמות אין די ביטערע אייראפע, ומאז עד יומו האחרון האט ער זיך נישט אוועקגערירט ממול פני הקודש, און איז געווען צוגעבינדן בכל נימי נפשו, און דעמאלטס נאך אין די יארן בזעיר אנפין, אין די קליינע באגרעניצטע בית המדרש אין 'מאנטריאל' האט ער נושא בעול געווען אלע יארן וואס ער האט געוואוינט דארט.**

**עס קען רואיג געשריבן ווערן אז ר' הערש לייב איז געווען אין קהלתינו הק' פון די לעצטע שטריק פונעם בריק צו די אלטער היים, זייענדיג משרידי דור הישן, און א ריכטיג פארצייטישער איד, וואס האט מיט-געברענגט מיט זיך א תקופה פון פארן קריג, וואס ווערט מער און מער געשלאסן מיט א יעדעס פארבייגייענדע טאג, ווען די לעצטע קערנדלעך שארית הפליטה קערן זיך שוין צוריק למקור מחצבתם, און די נאסטאלגישע קאפיטל ריקט זיך צו איר ענדע.**

## אלה תולדותיו:

הרה"ח ר' צבי ארי' איז געבוירן געווארן י"א חשוון תרפ"ד אינעם עיר ואם בישראל מונקאטש, צו זיין חשוב'ע טאטע הרה"ח ר' ישראל, וועלכע איז געווען א פייערדיגער מונקאטש'ע חסיד, ומגדולי מקורבי בעל מנחת אלעזר זי"ע, און צו זיין מאמע מרת בת שבע ע"ה, א טאכטער פון הרה"ח ר' יצחק אלבוים ז"ל, אייניקלער פון הרה"ק רבי יעקב קאפל ליקאוו'ר זי"ע, און הרה"ק רבן של ישראל הרבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע.

הערש לייב איז אויפגעוואקסן אין א געהויבענע סביבה. זיין טאטע ר' ישראל איז געווען א געהויבענער איד און אן איש מורם מעם, וועלכע איז כל ימיו געזעסן על התורה ועל העבודה, און ער האט אריינגעווארצלט אין זיינע קינדער אמונה און התקשרות צו צדיקים, איבערהויפט צו זיין רבי דער הייליגער מנחת אלעזר, פון וועמען ער האט זיך נישט גערירט.

## במעלליו יתנכר נער

שוין אלס קליין קינד האט זיך דער קליינער הערש לייב געקלאמערט ביים הייליגן מנחת אלעזר זי"ע, און נישט אראפגענומען קיין אויג פון אים. ער פלעגט אלץ דערציילן איבער די אויסטערלישע זכיה וואס זיי, קליינע קינדער, האבן געהאט צו ווילן במחיצתו הקדוש, און דער דראנג און זכיה אים צו משמש זיין. "מיר פלעגן זיך קריגן ווער עס זאל אריינשטופן דעם רב'ס בענקל, ביז עס איז אפילו געקומען צו קינדערישע געשלעגן", פלעגט ער פארציילן מיט בענקעניש צו יענע ליכטיגע צייטן.

כדי עס זאל זיך נישט איבערשפילן, האבן די גבאים איינגעפירט א גורל, אז יעדע וואך זאל א צווייטע קינד האבן די געלעגנהייט אריינצושטופן דעם בענקל. הערש לייב, נאכן געווינען דעם גורל צום ערשטן מאל, איז נישט געווען צופרידן פון דער איינציגער געלעגנהייט וואס ער האט באקומען. די קומענדיגע וואך האט ער אוועקגעגעבן זיינע ספעציעלע קיכעלעך וואס זיין מאמע האט אים געבאקן אלס באלוינונג פארן גוט קענען דעם פארהערע, פאר דעם אינגל וואס זיין נאמען איז ארויסגעקומען אינעם גורל יענע וואך, און אויסטויש כדי נאכאמאל צו האבן די זכיה צו משמש זיין דעם רב.

און אזוי איז טאקע געווען; די קומענדיגע וואך האט ער נאכאמאל אריינגעריקט דאס בענקל פונעם הייליגן מנחת אלעזר. דער רב וואס האט באמערקט דעם אינגן הערש לייב אריינריקן די בענקל שוין דעם צווייטן מאל, האט ער אים מיט ליבליכקייט געפרעגט: "דו האסט דאך שוין געהאט די זכיה די פאראנגענע וואך"? האט ער דערציילט פארן רב דברים כהווייתן, אז ער האט אוועקגעגעבן זיינע קיכעלעך דערפאר, "אזוי?" האט דער רב אויסגעדריקט התפעלות, אז א קליין קינד זאל האבן אזא השגה...

ביי די בר מצוה האט הערש לייב געהאט די זכיה צו זיין פון די סאמע לעצטע בחורים פאר וועמען דער הייליגער מנחת אלעזר האט געלייגט תפילין. נאך די בר מצוה איז ער אריין אין ישיבת 'דרכי התורה' אין מונקאטש, וואו ער האט אויסגעניצט זיינע ישיבה יארן מיט גרויס פלייס. אבער ליידער זענען די גאלדענע ישיבה יארן געקומען צו א שנעלן ענדע, ווען די אונגארישע מיליטער האט פארכאפט זיין פאטער ר' ישראל, און דער יונגער הערש לייב, א זעכצן-יעריגער בחור, האט ליידער געמוזט פארמאכן די גמרא, און ארויפשארבן די ארבל צו ברענגען ברויט אין שטוב. ער האט פרובירט זיין בעסטע לויט די אומשטענדן צו פארגרינגערן די נויט און העלפן זיין משפחה לויט זיין יכולת.

## שנות הזעם

כ"ד אדר תש"ד ווערט געדענקט מיט בלוטיגע אותיות ביי כלל ישראל, ווען די דייטשן ימח שמם האבן אריינמארשירט אין אונגארן און אנגעזייט א חורבן, ה' ירחם. א טאג שפעטער, כ"ה אדר, זענען זיי אריין אין דער עיר ואם בישראל מונקאטש און ליידער אויסג'הרג'ט דעם רוב פונעם מונקאטשער אידנטום הי"ד.

הערש לייב, אזוי ווי רוב כלל ישראל, האט נישט אויסגעמיטן די גזירה, נאר אינאיינעם מיט זיינע אידישע ברידער איז ער אויך דורכגעגאנגען די ביטערע קריג. עס האט זיך אנגעהויבן מיט די מונקאטש'ע געטא אונטער די שווערסטע אומשטענדן אין די ערשטע חדשים פונעם קריג, און אזוי ווייטער אין די שפעטערדיגע דעפארטאציעס קיין אושוויץ, און די טרויעריג-בארימטע סעלעקציעס, וואו מען האט הערש לייב אפגעטיילט פון זיין גאנצער משפחה, וועלכע זענען נעבעך אומגעקומען על קידוש השם.

זייענדיג א געזונטער בחור'ל, האט מען אים געשיקט צו די ארבעטס-לאגערן, שפעטער האט ער דורכגעמאכט די שרעקליכע טויט-מארשן, ביז אום ניסן תש"ה ווען מען האט אים געפירט צום גונסקירכען לאגער, וואו מען האט אים באאויפטראגט צו מקבר זיין די מתים וואס זענען אומגעקומען פון הונגער און רציחה. הערש לייב האט ליידער צוגעזען דעם חורבן מיט די אייגענע אויגן, און געברויכט טאן די שווערע פיזישע און גייסטישע ארבעט.

אבער טראץ די אלע צרות וואס ער האט מיטגעמאכט, האט הערש לייב זיך נישט געבראכן, נאר געקעמפט מיט עקשנות און אונטער די שווערסטע אומשטענדן, און נישט אויפגעגעבן אויף זיין אמונה.




## ממות לחיים - ניסים אין גונסקירכען לאגער

אין איינע פון די טעג אינמיטן די שווערע צוואנגס-ארבעט, האט הערש לייב אינאיינעם מיט אנדערע 2 בחורים אין זיין עלטער געטון די ביטער שווערע ארבעט, און נעבעך אויפגערייניגט די מתים, זייענדיג א גאנצע צייט ארומגענומען אונטער א שווערע וואך.

מידע און ערשעפטע טוען זיי זייער ארבעט, אבער דער קאמאנדיר וואס איז ווארשיינלעך נישט געווען אין די בעסטע גוסטע יענעם אינדערפרי, איז נישט געווען צופרידן פון זייער ארבעט.

אויפגערעגטערהייט באשליסט ער, אז זייערע מינוטן זענען לעצט מינוט'יג, און אחת דתם להמית חלילה. דער קאמאנדיר טראכט נישט קיין צוויי, נאר ער הייסט זיי שטיין אין פארנט פון די גרוב וואס זיי האבן אויפגעגראבן מיט זייערע צוויי הענט, און גרייט זיך מקיים פסק צו זיין. דערשראקן צום טויט זענען זיי געשטאנען דארטן, ווען דער רוצח צילט זיין רעוואלווער אויף די צוויי הילפסלאזע בחורים און דערשיסט זיי צום טויט הי"ד.

הערש לייב שטייט דארט איינגעהילט אין פחד; ער איז דער קומענדיגער אין די רייע. מיט א אימת מות זעט ער ווי דער דייטש שטעלט אן זיין ביקס העכער זיין קאפ. און פרובירט אים צו צילן.. הערש לייב שרייט 'שמע ישראל', זיינע מינוט'ן זענען געציילטע, אבער דא האט דאס אומגלויבליכע פאסירט! די ביקס האט זיך פארהאנקערט; די קויל גייט נישט ארויס. ער פרובירט ווידער אמאל, אבער די ביקס ווי זאל זיך ווען קאטאגאריש קעגן שטעלן איר אפיציר'ס באפעל אנטזאגט זיך מיטצוארבעטן. א שווערע נידערלאגע פארן שטאלצן קאמאנדיר, אבער גיין נעמען א אנדערע ביקס האט נישט געפאסט פארן דייטש. "שמוציגער יודע, גיי שנעל צוריק צו די ארבעט!" האט ער זיך באגנוגנט מיט עטליכע שפאט ווערטער, און אזוי געראטעוועט הערש לייב ממות לחיים.

יעדע יאר ביים סדר נאכט פלעגט ר' הערש לייב דאנקען דעם אויבערשטן אויף זיין פריוואטע נס הצלה, און כסדר גע'חזר'ט מיט די קינדער און אייניקלעך אז מען האט אים געשאנקן פון הימל די זכות צו לעבן צו קענען אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות.

### המשך יבוא בעז"ה

# די לעכטיגע בחורי חמד בשעת די הקפות

האבנדיג די זכיה מיטצוהאלטן די געהויבענע צווייטע טעג בצל הקודש, איז געווען א דערקוויקנדע בילד, צו זען אויף די הויכע פארענטשעס, די לאנגע שורות תלמידי ישיבותינו הק׳, לעכטיגע טאהש׳ע בחורים, וואס הכרת פניהם ענתה בהם, עס האט געגעבן א געוואלדיגע חיזוק ווען אום תשפ״ז, אריבער 11 יאר זינט מיר האבן ליידער פארלוירן אבינו רועינו די הייליגע רבי זי״ע, איז געבליבן זיין פייער און ברען, זיין שאיפה און שטרעבן אויפצושטעלן לעכטיגע טאהש׳ע בחורים, דער ציל וואס האט אים געברענגט אויפצושטעלן די גאנצע שטעטל, אלעס וועגן ׳זיינע בחורים׳. דאס גייט נאך אן און זעצט פאר ביתר שאת ועוז, אלעס אויף די זעלבע אויסגעטראטענע דרך, אונטער די עינא פקיחא פון **כ״ק מרן רבינו שליט״א**. אשרינו שזכינו!

ס׳איז זיכער אז דער הייליגער רבי פון אויבן, שעפט נחת מיט אזעלכע הייליגע תלמידים!

# בנוגע דירות אויף יו״ט

דאס וואס איינער האט זיך דא שטארק אפגערעדט אז ס׳איז נישט דא גענוג דירות, וואלט איך געוואלט איבערגעבן די צווייטע זייט פון די מטבע, פון א איד וואס האט יא געהאט די זכיה צו זיין בצל הקודש אויף יו״ט, און יא געווארן מסודר מיט א דירה.

ס׳איז טאקע אמת אז ׳אין הקומץ משביע את הארי׳, און דער פארלאנג איז פיל גרעסער ווי מען קען צושטעלן. אבער ווער עס האט מיטגעהאלטן די איבערמידליכע כוחות וואס די עסקנים האבן אריינגעלייגט, צו אקאמאדירן יעדן, שוין וואכן פריער האט מען געארבעט דערויף, אפגערעדט א גאנץ יום טוב, ווען יעדער איז רואיג און פארנומען מיט די משפחה ב״ה, זענען די עסקנים געווען פאריאגט און פארנומען ביז איבער׳ן קאפ צו שאפן דירות פאר אידן, געהאנגען צעטלעך אנצו-ווארעמען תושבי קריתינו צו פארדינגען זייערע דירות, און מען האט טאקע געשאפט א איבערראשנדע צאל אכסניות, פיל מער וויפיל מען האט געקענט פאראויסזען.

באזונדער איז די סיסטעם אויף ׳קול איחוד׳ געווען גאר אקטיוו, ווען יעדן איינציגן טאג האבן מענטשן געטראפן דירות, און צוגעפאסטע אכסניות.

אזוי אז אפילו אויב מען שפירט אז עס איז נישט גענוג, טאר מען נישט פארזען די אויסטערלישע כוחות פון די עסקנים, וואס מען האט יא צוגעשטעלט.

מיט פיל שעצונג.

מ.ב. מאנסי

# אכטונג געבן אויף נכסי בעל הבית ווען מען שטייט איין צו גאסט

פאריגע וואך אין מאנ״ש לאנ״ש האט איינער ארויסגעברענגט זיין ווייטאג נאכ׳ן נישט האבן די זכי׳ מיטצוהאלטן די יו״ט שמחת תורה בצל הקודש, און דער כותב השורות בעט אז דער עולם זאל אויפקומען מיט געדאנקען, וויל איך אנמערקן א קליינע הערה וואס איז בדרך לא דרך אנגעקומען צו מיינע אויערן:

איך האב ב״ה יא געהאט די זכי׳ צו זיין אין טאהש די צווייטע טעג און מיטהאלטן די דערהויבענע יו״ט, עס איז געווען גאר שיין, דערהויבן, און הייליג. און דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר אלע עסקנים וועלכע האבן אלעס צוגעשטעלט, עס האט זיך אלעס אנגעזען אויף טריט און שריט.

איינשטייענדיג ביי מיין אכסניא אויף יו״ט האב איך שטענדיג געפילט אן אחריות צו האלטן די הויז זויבער און חלילה נישט מזיק זיין חפצים, און ב״ה זייענדיג געבענטשט מיט עטליכע קליינע קינדער האב איך באזונדער אכטונג געגעבן אז דער בעל אכסניא זאל נישט חרטה האבן אויף די מצוה וואס ער האט געטון.

עטליכע טעג נאך יו״ט האט מיר מיין בעל אכסניא אנגערופן זיך באדאנקען אז די הויז איז געבליבן ממש די זעלבע ווי ער האט עס


איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
**פאסט**
11 VAN BUREN DR. #205
MONROE, NY 10950

שיקט א
**פעקס**
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
**קול איחוד**
718.451.8674 #841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגט אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.

ארויסגעגעבן. בתוך הדברים האט ער מיר פארציילט אז ביי איינע פון זיינע חברים איז איינגעשטאנען א איד און יענעמ'ס קינדער האבן געגעסן אסאך זאכן פון די אכסניא (וואס איז נישט געווען צוגעגרייט פאר די געסט), אויך האבן זיי גענוצט בייק'ס און סקוטער'ס פון די שכנים, און עס פשוט נישט צוריקגעברענגט.

ווי פארשטענדליך איז דאס ווייט נישט פון א כלל, און ב"ה דער עולם פארשטייט די וויכטיגקייט פון האלטן זויבער יענעמ'ס פלאץ, אבער עס איז קלאר אז מ'דארף אכטונג געבן ווען מען נוצט יענעמ'ס הויז וויאזוי מען פירט זיך אויף אינעווייניג און צווישן די שכנים, אזוי אז תושבי קריתינו זאלן האבן די גוטע אפעטיט אונז צו העלפן מיטהאלטן אזעלכע ליכטיגע זמנים בצל הקודש.

מיט דאנק.

(-)

# מיינע 'נעילת החג מחשבות'

ליינענדיג דא אינעם גליון דעם פארלאפענעם חודש תשרי איבער די מחשבות בעת נעילת חג, וואס עמיצער האט ארייננגעשיקט, איז ווי אויטאמאטיש געווארן ביי מיר דעם דערהויבענעם זמן פונעם 'נעילת החג' א עת להתבונן איבער דעם פארלאפענעם ירח האיתנים העעל"ט, און דער אויספיר ביי מיר איז געווען אין איין שורה: 'אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתינו'!

נאכ'ן מיטהאלטן די געהויבענע חודש תשרי בצל הקודש, לאזט זיך זאגן דערויף 'הדרא דלא אפשר למפרט בשפוותא', זייענדיג א חטיבה אחת פון התעוררות, התרוממות, שמחה וחדות הנפש, און עס ציעט זיך שטריכן צו יענע דערהויבענע זמנים בהלו נרו על ראשינו ווען מיר האבן געהאט די זכיה מיטצוהאלטן די עבודת הקודש פון מרן רביה"ק זיעוכי"א, וואס ווי באקאנט פלעגט דער הייליגער רבי כמעט נישט עסן און נישט שלאפן, זיין גאנצע עבודה איז געווען למעלה מהשגת אנוש. מיט די פשוט'ע שכל האט מען עס נישט געקענט פארשטיין, וויאזוי א בשר ודם קען אזוי אנגיין אן צו עסן און שלאפן, און נאך אלעס מיט אזא שמחה של מצוה וחיות דקדושה.

יעצט, במשך דעם פארלאפענעם חודש, האט מען געזען די המשכה צו די הייליגע עבודה. ווען אפילו פאר'ן אלגעמיינעם ציבור איז געווען זייער ווייניג צייט צו עסן און שלאפן, דער גאנצער טאג האט זיך געדרייט ארום די תפילות און שולחנות הטהורות, דער קערפער האט גאנץ ווייניג באקומען. אבער דער חידוש איז געווען, וויאזוי רבינו שליט"א איז אנגעגאנגען מיט די עבודת הקודש, ארײנלייגנדיג העכערע כוחות, טראץ וואס די עבודת הקודש דורכאויס דעם תשרי לאזט איבער גאר ווייניג צייט צו עסן און שלאפן, ווען עס איז איין לאנגע קייט פון תפילות, דרשות, טישן, און מעמדי קודש. האט זיך אבער נישט דערקענט קיין שום חילוק, נאר אדרבה 'וקוי ה' יחליפו כח', אנצוגיין מיט פרישע כוחות און ענדלאזע התרוממות הנפש.

בלייבט איבער צו דאנקען און בעטן, אשרינו מה טוב חלקינו ומה יפה ירושתינו, די הייליגע ירושה און עבודת הקודש פון רבינו הקדוש זי"ע, וואס גייט ווייטער אן בגאון ובעוז, זאל ווייטער ממשיך זיין עד ביאת הגואל, און נאך לאנגע געזונטע יארן זוכה זיין להסתופף בצלא דמהימנותא קדישא.

א. י. קרית טאהש

# יישר כח פאר די רייכע 'שבת בראשית' גליון

אסאך איז שוין ארויסגעברענגט געווארן צו באדאנקען די חשוב'ע מערכת פון באור החיים פאר די נייע איבערגעפרישטע גליון. איך האב מיר טאקע באגענוגט ביז יעצט מיט די דאנק ווערטער פון אנדערע, און געלאזט דעם ציבור אויסדרוקן דעם יישר כח ברבים.

אבער דעם שבת בראשית בין איך באמת איבערראשט געווארן, ווען מען האלט נאך יו"ט, און נאך די רייכטע פארגרעסערטע יום טוב אויסגאבע, און מיט דעם אלעם גייט דער גליון אן מיט די זעלבע רייכע פארמאט ווי יעדע וואך, מיט פולע רייכע מאמרים, דאס איז שוין אויסנאמליך, און ווערד צו באדאנקען.

דער גליון במציאות מאכט דעם שבת פאר אומצאליגע אידן אנ"ש איבער די וועלט, א פלאץ וואו מען קען זיך פארקוקן א תורה פאר'ן שבת טיש; א מעשה צו פארציילן פאר די קינדער; א הייליג שטיקל מספרי רבינו הק'; א וויכטיגע הלכה למעשה; מיטהאלטן מהנעשה והנשמע בצל הקודש; מודעות און שמחות. א ריכטיגע כרכא דכולא ביה, און אלעס אזוי שיין און ברייט צוגעשטעלט, כה לחי!

מיט פיל דאנק

י. ב. אנטווערפען



נייעס, באריכטן, און
אנטוויקלונגען, אינערהאלב

## קהילותינו הקדושים

צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

# במקהלות

שמחות בבית צדיקים:

# אנשי שלומינו גרייטן זיך מיט גרויס התרגשות צו די געהויבענע שמחות החתונות וואס וועלן פארקומען בחצרות קדשינו דורכאויס די קומענדיגע ווינטער חדשים

**בית צדיקים יעמוד: גרויס ענטוזיאזם הערשט אין בעפארברייטונג צו די געהויבענע שמחות כפולה ומכופלת בבית צדיקים, ווען עס וועלן געפראוועט ווערן ברוב פאר והדר 3 דערהויבענע חתונות בחצרות קדשינו, ווי עס וועלן גיין אונטער די חופה נדכי כ"ר מקן רבינו עט"ר שליט"א במשך די קומענדיגע ווינטער חדשים, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל**

## זמני החתונות זענען ווי פאלגענד:

### יום א' פרשת ויצא, ו' כסלו הבעל"ט:

עס וועט גיין אונטער'ן חופה הכלה החשובה בת **הגה"צ אב"ד קהילתינו מאנסי שליט"א**, עב"ג החתן פרי עץ חיים בנן של קדושים **הרב מנשה שליט"א, בן אב"ד זכרון אלימלך ספינקא שליט"א**, די דערהויבענע חתונה וועט פארקומען פאר די מענער אין עטרת חי' שרה זאלן, און פאר די פרויען אין די עטרת גינענדל זאלן אין שטאט מאנסי יע"א.

אין די יעצטיגע טעג טוען די עסקנים פון די ועד החתונה אריינלייגן גרויסע כוחות אויסצושטעלן אלע לאגיסטישע חלקים פון די חתונה, די מקום ואופן מעמד הקבלת פנים און די מעמד החופה, און אזוי ווייטער די גאנצע חתונה, אז אלעס זאל געקרוינט ווערן מיט די גרעסטע כבוד און פראכט ווי עס פאסט פאר אזא שמחת בית צדיקים.

### יום ה' פרשת וישלח, י"ז כסלו הבעל"ט:

עס וועט גיין אונטער'ן חופה הכלה בת **הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א** חדב"ן, עב"ג החתן פרי עץ חיים **הרב נחמן שליט"א, בן הגה"צ רבי מרדכי כהנא שליט"א, בן אדמו"ר מספינקא בני ברק שליט"א** וחתן אדמו"ר מנצח מנחם ספינקא מאנסי.

די געהויבענע שמחת החתונה וועט פארקומען באתרא דמר אין קרית מלך רב קרית טאהש המעטירה, ווי די גאנצע שטעטל וועט ווערן איינגעהילט אין א שמחה'דיגע שטימונג, און זיך מיטפרייען בשמחת רבינו. עס ווערן ערווארטעט א גרויסע ציבור אנשי שלומינו פון ניו יארק וועלכע וועלן קומען צו פארן מיטהאלטן די דערהויבענע שמחת החתונה, און די עסקנים טוען אין יעצטיגע טעג מסדר זיין אלע טעכנישע חלקים, אז די געהויבענע שמחה זאל געקרוינט ווערן מיט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא.

### יום ד' פרשת בא, ו' שבט הבעל"ט:

עס וועט גיין אונטער'ן חופה החתן פרי עץ חיים **הרב אהרן ארי' גינזבערג שליט"א**, ממצוייני תלמידי ישיבתינו הק' אור החיים, בן **הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א** חדב"ן, עב"ג הכלה בת **האדמו"ר מדעעש בארא פארק שליט"א, חתן אדמו"ר מדעעש בני ברק שליט"א**.

די געהויבענע שמחת החתונה וועט פארקומען אין די עטרת גאלדא זאל אין שטאט בארא פארק, ווי אנשי שלומינו וועלן נאכאמאל האבן די געהויבענע זכי' אז **כ"ק מרן רבינו שליט"א** וועט זיך אופהאלטן אין שטאט, און מען וועט ווידעראמאל זוכה זיין מיטצוהאלטן א געהויבענע חתונה בחצרות קדשינו.

עסקנים און אישי הציבור געפינען זיך שוין אין פולן שוואנג מיט די נויטיגע שריט און ערשטע צוגרייטונגען צו די פייערליכע ימי השמחה הממשמשים ובאים. די "שמחה תליתאי" איז דאס געשפערעך פונעם טאג ביים "עם תליתאי" אנשי שלומינו, וועלכע גרייטן זיך מיט פרייד אויף די די עידן חדותא בהיכלא דמלכא, וואס טוט דינען אלס א צינור השפעה פאר חסידים פון אומעטום, וועלכע טוען זיך מיטפרייען מיט די שמחות בבית צדיקים; אין די מוראדיגע עת רצון, ומשמחה זו ישפע שפע רב.

**והחוט המשולש לא במהרה ינתק.**

פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גּוֹי צַדִּיק:

# מוצלח'דיגע פתיחת זמן החורף געעפנט מיט גרויס הצלחה אין אלע תורה צענטערן פון קהילתנו הקדושה

גרויס התחדשות זעט זיך אן אין אלע תורה צענטערן דקהילתנו הקדושה צום אנהויב פונעם פרישן ווינטער זמן, מיט א שטארקן פלייס און חיות דקדושה, בעיקר אין די מבצרי הישיבות וואו מען האט נארוואס אנגעהויבן א נייעם זמן. אין די ישיבות גדולות וקטנות זענען די בחורים דעם פארלאפענעם ראש חודש חשון געקומען צוגעגרייט מיט פרישע כוחות צום נייעם זמן הלימודים, און זיך גלייך אריינגעווארפן בהוויות דאביי ורבא מיט א קול גדול ולא יסף, מיט חשק און פלייס. **ואין בו אלא חידושו:**

## ישיבה גדולה אור החיים:

דער זמן האט זיך נארוואס אנגעהויבן מיט א פרישקייט, דעם פארלאפענעם מאטאג ראש חודש חשון נאכמיטאג, ווען צום נייעם זמן איז אריינגעקומען לערנען בישיבה של רבי' א העכערע צאל תלמידים כ"י ווי ערווארטעט, וואס הייבט די באגייסטערונג ביי די בחורים וועלכע קוקן ארויס אויף א שטארקן זמן בס"ד.

עקסטער קוקן די תלמידים ארויס צום פרייליכען מאמענט, ווען בקרוב ממש וועט מען זיך אריבערציען צום נייעם הערליכן היכל הישיבה, וואס האלט אצינד ביי די לעצטע שטאפלען פון איבערבויען, און דאס וועט אוודאי שטארק צוגעבן צו די הרחבת הדעת פון די תלמידים, נאכדעם וואס די צר לי המקום שרייט זיך ארויס פון אלע ווינקלען אינעם ביז יעצטיגן אזוי-גערופענע קליינע היכל הישיבה.

## ישיבה גדולה תורת משולם פייש - ניו יארק:

שערי הישיבה האבן זיך געעפנט דעם פארלאפענעם זונטאג מיט א נייע כיתה פון פרישע תלמידים, וועלכע האבן אנגעהויבן דעם זמן מיט באגייסטערונג און עליות מעלות רמות. ספעציעל שטארצט ארויס דער פרישער שיעור ב' צום נייעם זמן, וואס וואקסט ברוך השם בכמות ובאיכות.

אזוי אויך אין די ישיבות קטנות האט זיך דער נייער זמן ב"ה אנגעהויבן מיט א זעלטענע פרישקייט און התעלות, מיט פרישע חברותות און לימודים.

**אין חסידות כתחילתה**


ג

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה

מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו

להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש — הכלה הבתולה המהוללה

מרדכי יהודה נ"י — עב"ג — טאבא תחיי

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ד' לפרשת לך לך

י' חשון שנת תשפ"ז לפ"ק הבעל"ט

(Oct. 21 ולמספרם)

קבלת פנים בשעה 6:00 — החופה בשעה 7:00

באולם עטרת רישא

6529 Rue Hutchinson, Montreal, Quebec

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבינו גם אנו

הורי החתן — הורי הכלה

משה חיי"ל גוטטמאן ורעיתו — יחזקאל ווייס ורעיתו

ברוקלין יצ"ו — מאנטריאל יצ"ו

באריכטן און
אנטוויקלונגען פון די

# 4 תורה פעסטונגען

ישיבה גדולה אור החיים טאהש
ישיבה גדולה תורת משולם פייש טאהש -ניו יארק
ישיבה קטנה אור החיים טאהש
ישיבה קטנה תפארת משולם פייש טאהש -ניו יארק

# ישיבה של רבי

נייעס, באריכטן, און
אנטוויקלונגען אינערהאלב

**ישיבה גדולה אור החיים**

קרית טאהש יע"א

לאור

# באור החיים

## פתיחת הזמן בהיכל הישיבה: קול תורה דינערט אפ בין כותלי הישיבה מבוקר עד הערב

און א געהויבענע רוחניות'דיגע שטימונג האט זיך דעם מאנטאג נח ב' דר"ח חשון העעל"ט אנגעהויבן דעם נייעם זמן החורף תשפ"ז בשעטו"מ, בין כותלי הישיבה, ווי די תלמידי הישיבה - החדשים וגם ישינים - האבן זיך אריינגעווארפן באהלה של תורה, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים.

איינאיינעם מיט די יעצטיגע פתיחת הזמן זענען די ספסלי ביהמ"ד נתרבה געווארן אויף א גאר שטארקע פארנעם, און עס דערקענט זיך פון אלע ווינקלען די ענגקייט אינעם ביז יעצטיגן היכל הישיבה, און האפענטליך בקרוב ממש וועט מען זיך אריבערציען צום נייעם איבערגעפרישטן היכל הישיבה, וועלכע האלט שוין בס"ד ביי די לעצטע שטאפלען צו ווערן פארענדיגט כלול בהדרו, ווי עס פאסט זיך פאר א מקום תורה.

דער קול התורה דינערט אפ צווישן די ישיבה ווענט, און די ווארימע תפילות וועלכע זענען א שם דבר אלס א פלאמעדיגע טאהש'ע דאווענען זענען בוקע רקיעים. אלע באדערפענישן פאר די תלמידי הישיבה זענען צוגעשטעלט אויפן בעסטען פארנעם, די הערליכע רחבות'דיגע דארמיטארי צימערן, א.א.וו. מיט דער האפענונג אז עס זאל ווייטער גיין מחיל אל חיל.

*

דעם צווייטן טאג אין זמן האט דער חשוב'ע מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט'ן דרשת פתיחת הזמן, אין וועלכער ער האט ארויסגעברענגט די גרויסע אחריות וואס ליגט אויף יעדן בחור וועלכע איז געקומען לערנען אין ישיבה, בצל קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א. און ארויסגעברענגט אז א בחור וואס לערנט אין אזא מקום תורה, דארף זיך פירן מיט א געוואלדיגע ערנסטקייט און זיך צושטעלן צו די הייליגן וועגן וואס רבינו הקדוש זי"ע מייסד הישיבה האט אונז געלערנט און פארלאנגט פון די תלמידים.

דער מנהל האט ארומגערעדט איבער די וויכטיגקייט פון די סדרי הלימוד און עבודת התפילה, און דערמאנט אז דער יסוד פון א בן ישיבה איז צו לערנען מיט א התמדה, און יראת שמים, און שטענדיגע געדענקן דעם דרך ארץ קדמה לתורה. אויך האט ער מדגיש געווען די וויכטיגקייט פון אויפשטיין פרי און זיך אריינצולייגן אין די סדרי הישיבה מי'ן גאנצן כח און מוח, כדי אויסצונוצן די טייערע יארן אין ישיבה אויף דעם בעסטן אופן.

דערנאך האט דער מנהל אויסגעשמועסט די תקנות הישיבה, און קלאר געשטעלט די סדרים און די הנהגה וואס ווערט פארלאנגט פון יעדן תלמיד.

*

אזוי אויך האט דער חשוב'ער משפיע הישיבה הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א שוין אנגעהויבן אויפטרעטן מיט זיינע וועכנטליכע שמועסן. אין די שמועסן גיבט דער משפיע שליט"א איבער טללי חיזוק און ידיעות נפלאות, וועלכע ער האט מקבל געווען מבית מדרשו של רבי, און מספרי החסידות, און איז מחזק די תלמידי הישיבה צו שטייגן אין תורה, תפילה, יראת שמים און מידות טובות.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע
בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו
עט"ר שליט"א

## ליל א' דיו"ט סוכות

מנחה ערב יום טוב איז צוגעגאנגען צום עמוד **כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א**. דער רבי איז צו געגאנגען צו מעריב, נאך מעריב איז דער עולם אריבער וואונטשן 'א גוט יום טוב'.

דערנאך האט דער רבי באזיכט ביי אלמנת **הרה"ח ר' אלי' שפיטצער ז"ל** אין שטוב, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

שפעטער איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור אינעם היכל הסוכה בביתו נאוה קודש, דער רבי האט געלאדענט די אושפיזין, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן **הרה"ח ר' שמואל גרשון גראד הי"ו** פון לאנדאן.

במשכ'ן טיש האט מען געזינגן די זמירות שבת שחל ביו"ט, דער רבי האט געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, אזוי אויך האבן די בעלי האושפיזין געברענגט קוגלען כנהוג, פון וואס דער רבי האט געטיילט שיריים.

צווישן די זמירות און כיבודים זענען מכובד געווארן: **אב"ד קלוזש שליט"א, הרבני הנגיד ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו** פון מאנטריאל, **מוה"ר יחזקאל ווייס הי"ו** פון מאנטריאל, **מוה"ר הערשל גאלדבערגער הי"ו** פון מאנטריאל, **הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו** פון מאנטריאל, **מוה"ר נפתלי צבי ברוך לאנדאוי הי"ו** פון וומסב"ג, **מוה"ר יצחק שלמה בראדי הי"ו** פון מאנסי, **מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו** פון וומסב"ג, **הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א** פון מאנטריאל, **מו"ה יעקב שאול הערשקאוויטש הי"ו**.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א**, שיר המעלות **הב' שמחה גאלדבערגער ני"ו** פון מאנטריאל.

נאכן בענטשן איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן **מוה"ר יעקב שאול הערשקאוויטש הי"ו**, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך, און געטיילט שיריים פארן בעל שמחה ומשפחתו און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

## יום א' דיו"ט סוכות

די ערשטע טאג יו"ט האט געדאווענט פסוקי דזמרה פארן עמוד **הרה"ח ר' שמואל גרשון גראד הי"ו** פון לאנדאן, צו שחרית איז צוגעגאנגען **הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו**.

דער רבי האט פארגעדאווענט הלל ביידע טעג יום טוב מיט גרויס התעוררות. פתיחת הארון לאמירת הושענות איז מכובד געווארן **הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א**.

ביים ליינען האט געטראגן די צווייטע ס"ת צום בימה **הרב שמעון פיש שליט"א** פון וומסב"ג, נכד רביה"ק זי"ע.

די עליות האבן עולה געווען: כהן **מו"ה חיים אלי' צבי פריעד הי"ו** פון מאנטריאל, לוי **מוה"ר ישראל חיים סג"ל קרויס הי"ו**, שלישי **הרב משה גינזבערג שליט"א** פון וומסב"ג נכד רבינו שליט"א, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, רביעי **מו"ה חיים זאב געלב הי"ו** דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי **מוה"ר יעקב שאול הערשקאוויטש הי"ו**, ששי **הרה"ח ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו** פון מאנטריאל, שביעי **הרב יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א** פון קרית יואל, אחרון **מו"ה מרדכי ארגעל הי"ו**.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און מפטיר האט עולה געווען **הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו**.

צו מוסף איז צוגעגאנגען **אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א**, און פארן דוכ'ענען האט דער רבי אפגעגאסן גיסו הגדול **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א**, און **הרה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א** חדב"ן, און **הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א** חדב"ן.

פתיחה צו אנעים זמירות **הרה"ח ר' חיים אלעזר גערטנער הי"ו** פון מאנסי.

דערנאך איז פארגעקומען די קידוש פון די אור אייניקל פון רבינו שליט"א בהיכל הסוכה הגדולה. מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן דער זיידע **הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א** חדב"ן, דער רבי האט געטיילט שיריים פון די פערפעל פאר כל הקהל הקודש.

מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים, און דער ציבור איז אריבער דעם רבי'ן וואונטשן מזל טוב.

שפעטער ביים שלחן הטהור איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש **מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו** פון מאנסי.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א**. שיר המעלות **הב' ישראל מענדל וויינשטיין ני"ו** פון קרית יואל.

מען האט צוטיילט די סעודה, און געדאווענט מנחה, צום עמוד איז צוגעגאנגען **הרה"ח ר' דוד יודא לאנדאוי הי"ו** פון מאנסי. די עליות האבן עולה געווען כהן **הרב אברהם יצחק קאהן שליט"א** נכד רבינו שליט"א ומלמד בתלמוד תורה עבודת משולם פייש מאנסי, לוי **הרה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א** חדב"ן, שלישי **מוה"ר**

**יצחק שלמה בראדי הי"ו** פון מאנסי. הגבה **הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א**, גלילה **מו"ה יוסף שאול אמסעל הי"ו** פון וומסב"ג.

ביי סעודה שלישית איז מכובד געווארן מיט קידוש **הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו** פון וומסב"ג.

מען האט געזינגען די זמירות סעודה שלישית שחל ביו"ט. צווישן אנדערע זענען מכובד געווארן **מוה"ר אברהם יושע העשיל פאללמאן הי"ו** פון מאנטריאל, **מוה"ר אברהם מרדכי זילבער הי"ו**, **מוה"ר אברהם חיים גראד הי"ו** פון לאנדאן.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א**, מרבני בית מדרשינו מאנטריאל.

## ליל ב' דיו"ט סוכות

ליל ב' דיו"ט איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א**. נאך מעריב איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקדוש, און געוואונטשען א גוט יום טוב פאר כל הקהל הקודש.

ביים שלה"ט האט דער רבי אנגעהויבן מיט למנצח, די סדר האושפיזין כנהוג. מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן **הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו** פון וומסב"ג.

במשכ'ן טיש האט דער רבי פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און פון די קוגלען פון די אושפיזין, מען האט געזינגען די 15 שיר המעלות און לדוד ה' אורי, וועלכע זענען צוטיילט געווארן צווישן די חשובי העדה ואורחים החשובים. צווישן די כיבודים איז מכובד געווארן **הרה"ח ר' לייב גוטמאן הי"ו** פון בארא פארק.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו**, שיר המעלות **הב' לוי יצחק ב"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו** פון וומסב"ג.

## יום ב' דיו"ט סוכות

תיכף אינדערפרי, האט דער רבי מקיים געווען די מצות ד' מינים און די עבודת הנענועים אינעם סוכה הפרטי, דער רבי האט געמאכט די ברכה אויף א יאנאווא אתרוג, און דערנאך ממשיך געווען בעבודת הקודש א לענגערע צייט אויך מיט אתרוגי מאראקא און ארץ ישראל.

פסוקי דזמרה האט געדאווענט פארן עמוד **מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו**, צו שחרית איז צוגעגאנגען **מוה"ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי"ו**.

די פייערדיגע הלל און נענועים און הושענות האט אנגעווארעמט יעדען'ס הארץ, בשעת די אמירת הושענות האט החתן שמשון בה"ר יצחק יודא משה גוטמאן ני"ו תלמיד ישיבה גדולה געהאלטן די ספר תורה אויפן בימה.

די צווייטע ספר תורה האט געטראגן צום בימה **הרב חיים אלי' ראזענבערגער שליט"א** פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע.

די עליות האבן עולה געווען: כהן **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א**, לוי **הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א**, שלישי **מוה"ר יחזקאל ווייס הי"ו** פון מאנטריאל, רביעי החתן חיים נחום ב"ר יואל מערמעלשטיין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, חמישי **מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו** גבאי ביהמ"ד הגדול. הגבה **הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א**. פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען **הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א**. הגבה אויפן צווייטן ספר תורה **מוה"ר חיים משה מאיר סג"ל קרויס הי"ו** פון מאנטריאל.

מוסף האט געדאווענט **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א**. פאר'ן דוכ'נען האט דער רבי אפגעגאסן חתנו **הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א** חדב"ן.

פתיחה צו אנעים זמירות **מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו** פון וומסב"ג.

מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן **הרה"ח ר' משה שמעון פעלבערבוים הי"ו** פון וומסב"ג.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו** פון וומסב"ג. שיר המעלות **הב' אלימלך בה"ר יצחק אייזיק פיש ני"ו** נכד רביה"ק זי"ע ותלמיד ישיבה גדולה.

צו מנחה איז צוגעגאנגען **הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט"א**, מעריב ליל מוציו"ט **מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו** מגבאי ביהמ"ד הגדול.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה בסוכה הפרטי בביתו נאוה קודש.

## ליל א' דחוה"מ

דער רבי האט אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

דער שלחן הטהור לכבוד אושפיזא דיעקב בהיכל הסוכה הגדולה, איז פארריבער גאר דערהויבן, עס איז סערווירט געווארן א ברייטע סעודה, און די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו האבן אנגעפירט מיט פאסיגע ניגונים, עס האבן זיך אנגעזעהן א פרישע עולם געסט פון מאנטריאל.

דער רבי האט געצינדן ליכט, איינגעלאדענט די אושפיזין, זיך געוואשן צום סעודה און געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און משמיע געווען דב"ק.

מיט די 15 שיר המעלות זענען מכובד געווארן, די בעלי אושפוזין נכבדי העם ואורחים החשובים, צווישן אנדערע: **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א**, **אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א**, **אדמו"ר מ'טריסק שליט"א**, **הרה"ג ר' יעקב יוסף וואזנער שליט"א** דומ"ץ סקווירא, **הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א** בן רבינו שליט"א, **אב"ד קלוזש שליט"א**, **הרב יעקב פאגעל שליט"א**, **מוה"ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי"ו**, **מוה"ר שמואל יעקב פעלבערבוים הי"ו**, **מו"ה יעקב אלימלך קליין הי"ו**, **מו"ה יעקב יואל שיליץ הי"ו**, **מוה"ר יעקב מאיער הי"ו** פון מאנטריאל, **מוה"ר שלום געשטעטנער הי"ו** פון מאנטריאל, **הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו**, **הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו**, **מוה"ר זיידא ישראל חיים סג"ל קרויס הי"ו**.

במשכ'ן טיש האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן געהויבענע ריקודין, דער רבי האט געטיילט שיריים פון די פילע אושפיזין קוגלען פאר כל הקהל הקודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א**, שיר המעלות **הב' יעקב יוסף ב"ר ראובן מנחם שווארץ ני"ו** תלמיד ישיבה גדולה.

## מאנטאג – א׳ דחוה״מ

ביי תפלת שחרית בהיכל ביהמ״ד הגדול איז צוגעגאנגען צום עמוד **מוה״ר יהוסף אלקנה סג״ל קרויס הי״ו**. דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל און הושענות מיט גרויס התעוררות. בשעת די הושענות האט החתן אלימלך ב״ר יואל אלחנן פאפלאנאש נ״ו געהאלטן די ספר תורה ביים בימה.

די עליות האבן עולה געווען כהן **הרה״ח ר׳ חיים יחזקאל לאנדאוי הי״ו** פון וומסב״ג, לוי **הרה״ח ר׳ יעקב שמואל סג״ל קרויס הי״ו**, שלישי **הרה״ג ר׳ יונה פישער שליט״א** מו״ץ, רביעי **אדמו״ר מ׳זוטשקא קאראקאס שליט״א**, הגבה **מו״ה יוסף צוויבל הי״ו** פון קרית יואל, גלילה **מו״ה יעקב דוב כהן הי״ו** פון בארא פארק.

צו מוסף איז צוגעגאנגען **מוה״ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי״ו** משב״ק.

דער רבי האט אויפגענומען די אורחים החשובים קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

צו מנחה און מעריב איז צוגעגאנגען **מו״ה יצחק אייזיק קרויס הי״ו** פון וומסב״ג.

ביים שלחן הטהור ליל אושפיזא דמשה בהיכל הסוכה הגדולה, האט דער רבי געצינדן ליכט, איינגעלאדענט די אושפיזין, זיך געוואשן צום סעודה און געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, געוואונטשן לחיים און משמיע געווען דב״ק.

מיט די 15 שיר המעלות זענען מכובד געווארן די בעלי אושפוזין נכבדי העם ואורחים החשובים, צווישן אנדערע: **הרה״צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט״א, הרה״צ רבי משה סג״ל שליט״א** בן רבינו שליט״א, **מוה״ר יצחק אייזיק חסן הי״ו, מוה״ר יצחק אייזיק מערמעלשטיין הי״ו, מוה״ר יצחק מאיר שווארץ הי״ו** פון בארא פארק, **הרה״ח ר׳ יעקב הערש אדלער הי״ו** פון וומסב״ג, **הרב משה יואל שפירא שליט״א** פון מאנטריאל, **הרה״ח ר׳ משה סג״ל ראטמאן שליט״א, הרב בנציון מאנדל הי״ו, מוה״ר יעקב צבי ברוין הי״ו** פון מאנסי, **הרה״ח ר׳ שלום יחיאל מיכל ארגעל הי״ו, הרה״ג ר׳ שמעון יחיאל ראטה שליט״א** מנהל ישיבה גדולה אוה״ח, **מוה״ר שמואל מאיר קרויס הי״ו, הרה״ח ר׳ אהרן פריעד הי״ו, מוה״ר מרדכי ווידער הי״ו**.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרה״ח ר׳ משה שמעון פעלבערבוים הי״ו** פון וומסב״ג. שיר המעלות **הב׳ אברהם דוד צבי ב״ר יצחק שמעון אסטרייכער נ״ו** תלמיד ישיבה גדולה.

## דינסטאג – ב׳ דחוה״מ

ביי שחרית בהיכל ביהמ״ד הגדול איז צוגעגאנגען צום עמוד **מוה״ר יהוסף אלקנה סג״ל קרויס הי״ו**. דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל און הושענות מיט גרויס התעוררות. בשעת די הושענות האט **הב׳ יצחק ב״ר אביגדור וויינבערגער נ״ו** פון וומסב״ג געהאלטן די ספר תורה ביים בימה.

די עליות האבן עולה געווען כהן **מוה״ר אביגדור וויינבערגער הי״ו** פון וומסב״ג, לוי רבינו שליט״א, שלישי **הרה״ח ר׳ שמואל גרשון גראד הי״ו** פון לאנדאן, רביעי **הרה״ח ר׳ הערש לייב קרויס הי״ו**, הגבה **מו״ה פנחס קליין הי״ו** פון מאנטריאל, גלילה **מו״ה אהרן שמואל סג״ל שווארץ הי״ו** פון וומסב״ג.

צו מוסף איז צוגעגאנגען **מוה״ר משה סג״ל ראטמאן הי״ו** משב״ק. פתיחה צו אנעים זמירות **הרה״ח ר׳ נחמי׳ צבי סג״ל קרויס הי״ו** פון וומסב״ג.

ביים שלחן הטהור בהיכל הסוכה בביתו נאוה קודש איז מכובד געווארן מיט די זמירות, אתה בחרתנו **הרה״ג ר׳ יוסף מאיר זילבערמאן שליט״א** פון מאנטריאל, אתה אחד **הרה״ג ר׳ איסר פורסט שליט״א** פון מאנטריאל, ויתאיו כל **מוה״ר חיים משה מאיר סג״ל קרויס הי״ו** פון מאנטריאל.

ברמה״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרה״ח ר׳ ישראל הערש פעלבערבוים הי״ו** פון מאנסי, שיר המעלות **הב׳ שמואל אליקים בה״ר יעקב ישראל ברוך גוטמאן נ״ו** תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים ברית מילה פון בן **מוה״ר זיידא ישראל חיים סג״ל קרויס הי״ו** בביתו, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און מכבד געווען דער זיידע **הרה״ח ר׳ הערש לייב קרויס הי״ו**, און דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדק מעומד.

נאך קדיש האט דער רבי געבענטשט די קינד און ווארעם אנגעוואונטשן די בעל שמחה און זיידע׳ס ובני משפחה.

נאכמיטאג האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל די אורחים החשובים לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

צו מנחה און מעריב איז צוגעגאנגען **מו״ה בנימין גוטמאן הי״ו**.

ביים שלחן הטהור בהיכל הסוכה הגדולה ליל אושפיזא דאהרן, האט דער רבי געצינדן ליכט, איינגעלאדענט די אושפיזין, זיך געוואשן צום סעודה און געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, געוואונטשן לחיים און משמיע געווען דב״ק.

מיט די 15 שיר המעלות זענען מכובד געווארן די בעלי אושפוזין נכבדי העם ואורחים החשובים, צווישן אנדערע: **אב״ד באבוב מאנטריאל שליט״א, אדמו״ר מ׳קרעטשניף סיגוט שליט״א, הרה״צ רבי מרדכי יודא פיש שליט״א** נכד רביה״ק זי״ע, **אב״ד זידיטשוב טאמס ריווער שליט״א, הרב שמעון ליגעטי שליט״א** פון מאנטריאל, **הרב יודא אליעזר צבי כהנא שליט״א** פון וומסב״ג נכד רביה״ק זי״ע, **הרה״ח ר׳ אהרן קרויס הי״ו, מוה״ר יוסף שלום כרמל הי״ו** פון מאנטריאל, **מוה״ר אהרן ברוך יודא ארגעל הי״ו, מוה״ר משה אהרן ניימאן הי״ו, מוה״ר מנחם מאיר פייג הי״ו** פון מאנטריאל, **מוה״ר מיכאל יוסף בואדאנא הי״ו, הרה״ח ר׳ אלעזר עקיבא בינעטה הי״ו** פון מאנטריאל, **הרה״ח מוה״ר לוי יצחק ליימזידער הי״ו** פון וומסב״ג, **מוה״ר אברהם יצחק זוסמאן הי״ו**.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הגאון הגדול**

**הדומ"ץ שליט"א.**

## מיטוואך – ג' דחוה"מ

צו שחרית בהיכל ביהמ"ד הגדול איז צוגעגאנגען צום עמוד **מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו** פון מאנסי. דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל און הושענות מיט גרויס התעוררות. בשעת די הושענות האט **הב' ב"ר אלימלך ראזענצווייג נ"י** געהאלטן די ספר תורה ביים בימה.

די עליות האבן עולה געווען כהן **הרה"ח ר' דוד יודא לאנדאוי הי"ו** פון מאנסי, לוי **הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו** פון וומסב"ג, שלישי **הרב אברהם ישעי' ענגל שליט"א אב"ד זידיטשוב טאמס ריווער**, רביעי **הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו**, הגבה **מוה"ר יואל הערש פעלבערבוים הי"ו** פון וומסב"ג, גלילה **מוה"ר יואל כהנא הי"ו.**

צו מוסף איז צוגעגאנגען **מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו** חבר הנהלת ת"ת.

ביים שלחן הטהור בהיכל הסוכה בביתו נאוה קודש זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: **הרה"ג ראש הכולל טאב שליט"א** פון מאנטריאל, **הרה"ג דומ"ץ טאב שליט"א** פון מאנטריאל, **הרב נפתלי הירצקא זילבערמאן שליט"א** פון מאנטריאל, **הרה"צ רבי ישכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א, הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו.**

ברמה"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הגה"צ אב"ד טאב שליט"א**, שיר המעלות **הב' אשר ענזיל ב"ר אלי' סג"ל קרויס נ"י** תלמיד ישיבה גדולה.

נאכמיטאג איז פארגעקומען בהיכל הסוכה בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א די שמחת התנאים פון החתן אברהם זיידא פויגעל נ"י תלמיד ישיבה גדולה, בן **מוה"ר יואל הערש הי"ו**, עב"ג בת **מוה"ר יחיאל מיכל יקותיאל פריעדמאן הי"ו** חבר הנהלת ת"ת.

דער רבי האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקען און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און פאר די כלה און פאר די מחותנים ובני משפחה.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען די אורחים החשובים קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

צו מנחה און מעריב איז צוגעגאנגען **מו"ה יצחק אייזיק סג"ל טירנויער הי"ו** פון וומסב"ג.

ביים שלחן הטהור בהיכל הסוכה הגדולה לכבוד אושפיזא דיוסף, האט דער רבי געצינדן ליכט, איינגעלאדענט די אושפיזין, זיך געוואשן צום סעודה און געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, געוואונטשן לחיים און משמיע געווען דב"ק.

דער רבי האט אויפגענומען מיט גרויס כבוד **הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א**, און נאכן טיש ארויסבאגלייט ביזן קאר.

מיט די 15 שיר המעלות זענען מכובד געווארן די בעלי אושפוזין נכבדי העם ואורחים החשובים, צווישן אנדערע: **הרה"ח ר' משה ישעי' ווערצבערגער הי"ו, הרה"ח ר' אברהם שניצלער הי"ו, הרה"ג ר' מתתי' יואל קאהן שליט"א** ראה"כ דקהלתינו הק' מאנטריאל, **הרה"ג ר' יוסף משה אונסדארפער שליט"א** פון מאנטריאל, **הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו** פון קרית יואל, **הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו** משב"ק, **הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו** פון וומסב"ג, **הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א, הרה"ח ר' דניאל הלל פיליפסון הי"ו** פון מאנסי, **מוה"ר ישראל מרדכי קרויס הי"ו, הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א, מוה"ר יואל הערש פויגעל הי"ו** פון וומסב"ג, **מוה"ר ישעי' יחזקאל ווייס הי"ו, הרב יוסף צבי קליין שליט"א, מוה"ר משולם זושא אונגאר הי"ו** פון מאנטריאל, **מוה"ר יואל שרגא גאנדל הי"ו** גבאי בית מדרשינו מאנטריאל, **מוה"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס הי"ו, הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א** מנהל בית צירל.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א**, שיר המעלות **הב' יהוסף ב"ר נחמי' צבי שווארץ נ"י.**

דערנאך איז פארגעקומען געהויבענע ריקודין בשירה ובזמרה בתופים ובמחולות בהיכל ביהמ"ד הגדול, זקנים עם נערים אברכים ובעלי בתים כל הקהל הקודש, לכבוד שמחת בית השואבה, אין שפיץ פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, ומה נהדר היה המראה, ומי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו.

## דאנערשטאג – ד' דחוה"מ

צו שחרית בהיכל ביהמ"ד הגדול איז צוגעגאנגען צום עמוד **מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו** פון מאנסי. דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל און הושענות מיט גרויס התעוררות. בשעת די הושענות האט **הב' אלימלך ב"ר יודא ארי' פישער נ"י** תלמיד ישיבה גדולה געהאלטן די ספר תורה ביים בימה.

די עליות האבן עולה געווען: כהן **מוה"ר נפתלי צבי ברוך לאנדאוי הי"ו** פון וומסב"ג, לוי **הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו**, שלישי **הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו** פון קרית יואל, רביעי **הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א**ש, הגבה **מוה"ר יואל הערש פויגעל הי"ו** פון וומסב"ג, גלילה **מו"ה יחזקאל שרגא טעללער הי"ו** פון לאנדאן. צו מוסף איז צוגעגאנגען **הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א** מנהל בית צירל.

ביים שלחן הטהור זענען מכובד געווארן מיט אתה בחרתנו **הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו** פון וומסב"ג, אתה אחד **מוה"ר חיים מאיר לעבאוויטש הי"ו** פון מאנטריאל, ויאתיו כל **הרב מרדכי יוסף קאהן שליט"א** פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע, לדוד ה' אורי **הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו.**

ברהמ"ז על הכס האט דער רבי מכבד געווען **הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו** פון מאנטריאל, שיר המעלות החתן יואל ב"ר אברהם יושע בינער נ"י תלמיד ישיבה גדולה.